שנה ג'
נומער קמ"ט
**פרשת חיי שרה**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



א מעשה פון תפילה:
**פארדאכטן מיין קאר און דארפן באצאלן געלט**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:
**אין יעדע זאך קען מען אריינלייגן דעם שם הוי"ה**

נקודות טובות:
**דער אייבערשטער זאגט אים 'גיי' און ער גייט**

## ברוכים הבאים בשם ה'

# צדיק בא לעיר!

מיט גרויס פרייד נעמען תושבי קרית ברסלב ליבערטי אויף דעם חשוב'ן גאסט פון יבנאל עיר ברסלב, הרב

## רבי יצחק לעזער שליט"א



**דער ראש ישיבה באזוכט אין כולל היכל הקודש ליבערטי - ה' וירא**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייגצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM



בריוו פון לייענער
א באריכט פון שבת לך לך מיט'ן ראש ישיבה אין שטעטל
3



צום פינטל
א מסוכנ'דיגע הויז! נישן! עפענען! חלק ב'
7



שטעטל נייעס
נייע פורניטשער געשפען אין שטעטל עפענען זיך בקרוב אי"ה
16



היכל הקודש נייעס
סיום תלמוד ירושלמי
17



הפצה אפטיילונג
בריוו, מעשה פון הפצה, נייעס אינערהאלב קרן הדפסה און נאך
22



בילדער ארכיון
סעודות ר"ח כסליו מיט מוהרא"ש זי"ע שנת תשע"ד
39




## זמנים Liberty

פרשת חיי שרה כ"ה חשון תשפ"ג

הדלקת הנרות.........04:17
מוצאי שבת............05:47

מנחה מעריב חיי שרה ... 05:30

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 18 | 35°/18° | | Partly Cloudy |
| Sat 19 | 32°/21° | | Partly Cloudy |
| Sun 20 | 34°/14° | | AM Snow Showers |
| Mon 21 | 35°/17° | | Sunny |
| Tue 22 | 38°/19° | | Partly Cloudy |
| Wed 23 | 42°/27° | | Partly Cloudy |
| Thu 24 | 44°/28° | | Mostly Cloudy |
| Fri 25 | 41°/29° | | Rain/Snow |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה שלמה אהרן בליקזילבער הי"ו**
**וזוגתו זיסל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי'**

**צו די בר מצוה פון אפרים פישל נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

# בריוו צו די רעדאקציע

**א באריכט פון שבת לך לך מיט'ן ראש ישיבה**

לכבוד די חשוב'ע מערכת "קרית ברסלב בלעטל" הע"י, עס איז קיינמאל איבריג א יישר כח פאר די הערליכע אויסגאבע, בפרט די הערליכע אויסגאבע וואס איז ארויסגעקומען לכבוד דעם יום טוב סוכות.

עס איז ווייט נישט איבערגעטריבן צו זאגן בפה מלא אז אייער הערליכע און ערליכע אויסגאבע ערפילט דעם חלל פון אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל אין די יעצטיגע צייטן, פאר די וואס ווילן איבערגעבן פאר די קינדער און הויז-געזונד ריינע און געשמאקע ליין מאטריאל אויפ'ן העכסטן שטאפל.

בעצם האב איך געהאט אין פעדער אסאך צו שרייבן זינט דעם בריוו אינעם אויסגאבע פון ראש השנה, בפרט נאכן מיטלעבן אזא הערליכע ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, און בכלל אזא ליכטיגע חודש תשרי, אם ירצה ה' עוד חזון למועד, עס האט זיך אלץ אפגעשטופט מחמת סיבות שונות ומשונות, אבער יעצט האב איך געמוזט נעמען די פעדער אין האנט לבקשת דעם חשובי'ן עורך מוה"ר אברהם הערש וועבערמאן הי"ו וואס האט מיך געבעטן אראפצושרייבן נקודות און שמועסן פון די באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א דעם פארלאפענעם שבת קודש פרשת לך לך נאכמיטאג אין בית המדרש עצתו אמונה, וזה החלי בס"ד:

פרייטאג צו נאכטס, ווען די מתפללים זענען געקומען אין בית המדרש עצתו אמונה צו מנחה וקבלת שבת איז



אנגעקומען די ידיעה אז דער ראש ישיבה שליט"א געפונט זיך דא אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט געשריבן אז ער וועט נישט זיין דעם שבת אין וויליאמסבורג, אבער וואו יא האט ער נישט געזאגט, למעשה איז דער ראש ישיבה געווען דא אין שטעטל אויף שבת.

די מתפללים האבן שפעקולירט וואו דער ראש ישיבה וועט דאווענען שבת צופרי, מ'האט געטראכט אז אפשר וועט מען זוכה זיין אז דער ראש ישיבה וועט קומען דאווענען אין ביהמ"ד עצתו אמונה, אבער קיינער האט נישט געוויסט אויף זיכער... לגבי די באטע האט מען געטראכט אז מ'וועט נישט גיין, כדי נישט צו מאכן אן אנלויף, נאר לאזן דעם ראש ישיבה במנוחה (אזוי ער האט געשריבן אינעם בריוו, אז ער וויל זיך אפרוען).

שבת צופרי איז דער חשוב'ער ציבור מתפללים געקומען ווי געווענליך, דאס דאווענען איז געווען הערליך שיין, מיט א געשמאקע שיעור אין סיפורי מעשיות (אגב, זענען געקומען דאווענען עטליכע מתפללים פון אנדערע געגנטער וואס האבן געטראכט אז אפשר וועט דער ראש ישיבה קומען דא דאווענען, נאכדעם וואס ער איז נישט געווען אין די בית המדרש פון זייער געגענט, און זיין זענען שוין דא געבליבן דאווענען).

שוין, ס'איז געבליבן אז אפשר וועלן מיר נאך זוכה זיין אז דער ראש ישיבה וועט קומען צו שלש סעודות... הלוואי!

שבת נאכמיטאג, די זייגער (די זומער'דיגע) קלאפט 4:15, אונזער משפחה האט שוין געהאלטן א ווײלע נאך די סעודה, נאכן אויפרייניגן דעם בית המדרש און טוישן די טישטוכער (פון די קידוש), און מיר האבן זיך אראפגעלייגט צו מקיים זיין דעם שינה בשבת תענוג, און אזוי אינמיטן שלאף הער

איך קינדערישע קולות, איך האב אויפגעכאפט אז דאס זענען די קולות פון דעם ראש ישיבה'ס קינדער, איך בין אויפגעטאנצן פון בעט מיט איין שמחה, און נאך מיר די גאנצע משפחה, וואס הייסט? דער ראש ישיבה איז דא! די שמחה איז געווען עד לב השמים, "שכוח אייבערשטער!" מיין חשוב'ע אשת חיל תחי' האט פלינקערהייט צוגעגרייט א טאץ מיט פיינע פרוכט לכבוד דער ראש ישיבה, און אביסל נאש פאר די קינדער.

איך בין שנעל אראפגעלאפן אונטן אין בית המדרש מיט מיינע קינדערלעך צו מקבל פנים זיין דעם חשוב'ן גאסט, מיט די טעצער פרוכט און נאש, איך האב נישט גלייך געטראפן דעם ראש ישיבה, ער האט דערווייל זיך גע'טובל'ט אינעם מקוה פונעם בית המדרש.

דערנאך איז דער ראש ישיבה ארויסגעקומען, ער האט געזאגט כדרכו ווי שיין דער בית המדרש איז, און זיך נאכגעפרעגט אויפ'ן בית המדרש, די תפילות, ער האט באטראכט די אריינגאנג צום ווייבער שול, ער האט זיך נאכגעפרעגט ווער עס האט געמאכט די טיר און וויפיל עס האט געקאסט, און ער האט הנאה געהאט צו הערן אז די ווייבער שול ווערט באנוצט שבת צופרי דורך פרויען פונעם געגנט, ווי אויך האט ער אויסגעפרעגט מיין קליין טאכטער'ל פון ערשטע קלאס ווי אזוי זי איז צופרידן אין בית פיגא סקול און האט זייער אויסגערומט אירע טיטשערס, דער ראש ישיבה האט א טאכטער וואס איז א האלבע יאר עלטער פון מיין טאכטער, און ער האט זיי געזאגט אז זיי מעגן שפילן צוזאמען אפילו זיי זענען אפגעריקט א האלבע יאר...

דער ראש ישיבה האט מיך עטליכע מאל געפרעגט צי ער האט מיך אויפגעוועקט פון מיין שבת נאכמיטאג שלאף, למעשה האב איך געזאגט אז זיך געפונען במחיצתו מאכט אויסגערוט, מ'דארף שוין נישט קיין שלאף.

מיר האבן אין סטארידזש פון בית המדרש א
סטעידזש וואס מיר האבן גענוצט פאר'ן
ראש ישיבה שליט"א ווען
ער איז געוועון
ד א

שבת ערב שבועות פאריאר, איך האב דאס יעצט אויך אנגעהויבן ארויסצושלעפן און דאס געוואלט אויפשטעלן, אבער דער ראש ישיבה האט מיך אפגעשטעלט, ער האט מיר געזאגט אז ער וויל זיצן צווישן דעם עולם, אויף א פשוט'ן אופן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה מיר געזאגט אז ער וויל זען די סוכה (אזוי ווי עס האט זיך פארלאנגט לויט'ן געברויך פונעם בית המדרש, האט די הנהלת הבית מדרש געבויט דאס יאר א גרויסע סוכה, וואס די פרעים האלט זיך משנה לשנה), מיר זענען אריין אין די סוכה, דער ראש ישיבה האט דאס באטראכט, ער האט זיך נאכגעפרעגט ווער עס האט דאס געבויט און פאר וויפיל.

אויפ'ן קורצן וועג פון בית המדרש צו די סוכה האט דער ראש ישיבה באמערקט אפאר קינדער אנקומען מיט זייער טאטע, פון אן אנדערע געגענט, דער ראש ישיבה האט זיך זייער געוואונדערט ווי אזוי זיי האבן געוויסט אהער צו קומען, זיי האבן געזאגט ווי אזוי זיי האבן פארשטאנען אז דער ראש ישיבה גייט דא קומען, און דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט.

דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט און מיר געזאגט איך זאל זיך אראפזעצן, מ'האט געשמועסט וועגן מכון עצתו אמונה, איבער פרישע פראיעקטן וואס איז דא אויפ'ן טיש, איבער פרישע נעמען וואס האבן זיך געמאלדן ארויסצוהעלפן מיט הגהה און טייפן, און נאך. אינצווישן איז אריינגעקומען אסאך שיינע ענינים, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די וויכטיגקייט פון האבן שיחות חברים, ווי דאס איז א מאסט (מוז) זיך צו קענען האלטן מקורב צום הייליגן רבי'ן, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט די פרט ווי וויכטיג עס איז צו מיטטיילן מיט די חברים די שווועריקייטן וואס מען איז אריבער, ווי שווער די דורכגאנג איז געווען, ווי אזוי מ'האט זיך דערהאלטן, און די שמחה און רואיגקייט, די שמחינו כימות עניתנו וואס מ'האט זוכה געווען ווען דער אייבערשטער האט געשיקט די ישועה.

עס קען זיך טרעפן אז א מענטש גייט דורך א שוועריקייט אין פרנסה, קינדער, שלום בית, סתם חלישות הדעת וכו', מ'דארף מיך יא - מ'דארף מיך נישט וכדומה; און ער פאלט אריין אין זיין לאך און



קען זיך נישט ארויסזען פון דארט, אים דוכט זיך אז נאר ער גייט דורך דעם נסיון, אבער ווען איינער קומט און שמועסט אים אויס, און שטארקט אים, בפרט אז יענער איז דאס דורך [און ווער גייט דאס דען נישט דורך...] און איז שוין ברוך השם ארויסגעקראכן פון דעם, האט דאס א שטארקע כח צו שטארקן דעם חבר.

דער ראש ישיבה האט דערויף גענומען א ביישפיל וואס ער האט געהאט צופרי אין בית המדרש אשר בנחל, ווי דער ראש ישיבה דערמאנט דאס אינעם מכתב יומי פון זונטאג וירא: *שבת אינדערפרי בין איך געגאנגען דאווענען אין בית המדרש אשר בנחל, א האלבע שעה אוועק פון מיין שטוב. איך האב זייער הנאה געהאט צו דאווענען דארט, עס איז זייער א שיינע געשמאקע שול, אלע זענען דארט פרייליך, האברך משולם פינטער האט געגעבן א נאמען פאר מיין נייע געבוירענע מיידל. ביי ספורי מעשיות האבן מיר גערעדט פונעם תם (ספורי מעשיות, מעשה ט) וואס האט באקומען פונעם בעל שם קמיעות און שמירות, האט ער זיך שוין מער נישט דערשראקן ווען דער טייוול האט געשיקט נאך אים; דאס זענען די ספרים פון רבי'ן וואס איז מחזק און מעודד, ווער עס לערנט דעם רבינ'ס ספרים ווערט מער נישט דערשראקן פון קיין שום זאך אויף די וועלט.*

*איינער פון די אינגעלייט האבן געוויזן א בריוו וואס ער האט באקומען צוויי יאר צוריק ווען ער איז אריבער שווערע ביטערע נסיונות, ער האט נישט געהאט קיין פרוטה אין שטוב, זיין ווייב פלעגט פארשעמט ווערן אין גראסערי נאכן דארפן איבערלאזן דעם גאנצן וואגן מיט עסן ווען די קארטל האט נישט געארבעט, און די בריוו האט אים מחזק געווען, ער זאל נישט אויפגעבן און נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן, די בריוו האט אים זייער געשטארקט, ביז ער איז שוין ארויס פון די נסיון.*

*מיר האבן גערעדט פון די קמיע וואס מוהרא"ש האט אונז געגעבן, די קמיע איז נישט מער ווי מוהרא"ש'ס נאמען; אז דאס היט דעם מענטש. אז מען דערמאנט זיך פון מוהרא"ש דערמאנט מען זיך פון רבי'ן, דערמאנט מען זיך פונעם אייבערשטן. מוהרא"ש האט צו אונז גערעדט טאג און נאכט נאר פון רבי'ן און פון אייבערשטן, דאס איז די קמיע וואס דער בעל שם האט געגעבן דעם תם, און דאס האט אים בארואיגט. און אז מיר וועלן זיך פירן בתמימות, מיר וועלן אריינקוקן אין די בריוו, אין די ספרים און קונטרסים - וועלן מיר נישט מורא האבן פון קיין שום זאך.*

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז א וויכטיגע זאך, און הלוואי זאלן דאס די חברים טון; איבערליינען בריוון וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן בשעת מ'איז געווען אין א צרה, ווי אזוי דער ראש ישיבה האט מחזק געווען און געוויזן א וועג ווי אזוי זיך צו דערהאלטן, וואס דאס איז די קמיע און שמירה וואס דער בעל שם האט געגעבן, און דאס מיטטיילן מיט אנדערע.

אויך האט מען געשמועסט איבער די זמנים פון די תפילות אין בית המדרש, ווער עס זענען געווענליך די בעלי תפילות, וכו'.

נאכן זיצן א ווייל אין די סוכה איז דער ראש ישיבה אריין צוריק אין בית המדרש און געזאגט תהילים, נאכדעם האט ער זיך אביסל אומגעקוקט אויפ'ן רייכן אוצר הספרים אין בית המדרש.

דערנאך האט מען געדאווענט מנחה, דער ראש ישיבה האט עולה געווען די ערשטע עלי'.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צו שלש סעודות, דער ראש ישיבה האט באמערקט ביים ווינקל פון בית המדרש דער שווער און שוואגער פון איינער פון די מתפללים, וואס זענען געווען צוגאסט אין שטעטל, און האט זיי צוגערופן זיי זאלן זיך זעצן נעבן אים, דער ראש ישיבה האט זיי זייער שיין מקרב געווען, אינמיטן שלש סעודות תורה האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרייט צום בחור און גערעדט צו אים פון די געשמאקקייט פונעם סדר דרך הלימוד, און דאס זאגן משניות.

אינמיטן די זמירות האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט און געגאנגען קוקן ווי זיינע קינדער זינגען שיין ביי די קינדער טיש, ווי די קינדער זיצן און זינגען זמירות אונטערן אויפזיכט פון איינער פון די חשוב'ע מתפללים אין בית המדרש, וועלכער טיילט טיקעטס און שיינע מתנות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט תורה אויף "לך לך", אז יעדער איד דארף גיין אויף זיין וועג אין עבודת ה' און נישט נאכמאכן א צווייטן, דער ראש ישיבה ברענגט דאס אין קורצן אינעם פריערדערמאנטן מכתב יומי: *ביי שלש סעודות האבן מיר גערעדט פון די פרשה (בראשית יב, א): "וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ"*

דער אייבערשטער זאָגט פאר יעדן איד: 'גיי צו דיר, קוק אויף דיר, לעב מיט דיר; מאך נישט נאך א צווייטן, דין דעם אייבערשטן אויף דיין וועג'; דער אייבערשטער פארלאנגט נישט מען זאל נאכמאכן א צווייטן, נאר יעדער איינער זאל טון לויט זיין נקודה. אזוי ווי דער הייליגער רבי זושא האט געזאגט: "אויבן וועט מען מיך נישט פארהאלטן פארוואס איך בין נישט געווען אזא צדיק אזוי ווי מיין ברודער דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו, מען וועט מיך פארהאלטן לויט מיר אליינס".

יעדער איד האט אין זיך א שיינע זאך וואס דער צווייטער האט נישט; יעדער האט א נקודה וואס איז נישטא אין קיינעם. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֶׂה דְּאַבַּיֵּי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: 'לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא'", יעדער מענטש האט אין זיך א נקודה וואס א צווייטער האט נישט; דער רבי ברענגט אראפ די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כא:) עס איז געווען א דאקטער וואס האט געהייסן אבא אומנא, ער פלעגט באקומען יעדן טאג א בת קול פון הימל: "שלום עליך אבא אומנא"; אביי פלעגט באקומען נאר איין מאל א וואך א גריס פון הימל - יעדע ערב שבת, ער פלעגט הערן א בת קול: "שלום עליך אביי"; רבא פלעגט באקומען נאר איין מאל א יאר דעם בת קול, יעדן ערב יום כיפור פלעגט ער הערן: "שלום עליך רבא"; זאגט די גמרא אז אביי האט געהאט חלישות הדעת פארוואס דער פשוט'ער דאקטער באקומט יעדן טאג א בת קול און ער באקומט דאס נאר איינמאל א וואך, האט מען אים געענטפערט פון הימל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא", דו קענסט נישט טון וואס אבא אומנא טוט; דערפאר איז נישט שייך צו קוקן אויף א צווייטן און מקנא זיין א צווייטן, ווייל יעדער האט זיין נקודה וואס דער אייבערשטער האט הנאה פון דעם, און פאר דעם איז ער באשאפן געווארן.

דער ראש ישיבה האט גערעדט באריכות ווי יעדער דארף זיך מחי' זיין מיט זיין נקודה, און וויסן אז דער אייבערשטער האט אים דאס באשערט.

דער ראש ישיבה האט דערמאנט דאס וואס
מ'מאכט חוזק און מ'טשעפעט
קינדער: "וואס
ו ו ע ט

אויסוואקסן פון דיר? א טראק דרייווער?! א באס דרייווער?!" אבער באמת איז גארנישט שלעכט צו זיין א טראק אדער באס דרייווער, מ'קען זיין אן ערליכער איד און זיין א באס דרייווער וכו', יעדער דארף זיך פרייען מיט זיין עסק און אויף דעם וועג דינען דעם אייבערשטן.

[בשעת'ן שרייבן דעם בריוו פאר'ן מערכת דערמאן איך זיך פון א בריוו אין איש אמונות:

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

דו האסט פארשעמט די גאנצע קהילה, קיינער האט דאס נאכנישט באוויזן, צו לערנען און ענדיגן גאנץ ליקוטי מוהר"ן אין צוויי חדשים אויפ'ן באס.

זיי נישט ברוגז אז איך האב דיר אויפגעשטעלט אינמיטן סיפורי מעשיות, איך האב נאר געוואלט וויזן פאר אלע אינגעלייט זיי זאלן זען אז מען קען לערנען און זיין א באס דרייווער אינאיינעם, מען קען זיצן אויפ'ן באס א גאנצן טאג און לערנען אויפ'ן סדר דרך הלימוד.

אנשי שלומינו זאגן: ס"י ד"י על' (די ראשי תיבות פון די לייסענס וואס מען דארף האבן צו קענען פירן א באס) איז ראשי תיבות ס'דר ד'רך הל'ימוד; מען קען זיין א ס"י ד"י על' דרייווער און אז מען לערנט אויפ'ן ס'דר ד'רך הל'ימוד קען מען זוכה זיין צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה].

דערנאך האט מען געדאווענט מעריב, און זיך אראפגעזעצט צו אבות ובנים. דער ראש ישיבה האט זיך אויך אראפגעזאגט לערנען מיט זיינע קינדער חומש און גמרא וואס מ'לערנט אין חדר.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט אונז פאר בערך א שעה, דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט אהיים צו גיין, מיר אלע האבן זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה פאר די הערליכע באזוך וואס האט געלאזט אויף אונז אלע א שטארקע רושם זיך שטענדיג צו מחזק זיין און פאלגן אלע עצות און לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס.

אם ירצה השם, עוד חזון למועד.

יואל שניצלער, קרית ברסלב ליבערטי



# צום פינטל



# א מסוכנ'דיגע הויז! נישט עפענען! חלק ב'

### צווייטער טייל

**אין קורצן פון פריער:**

אינעם פאריגן ארטיקל האבן מיר מיטגעהאלטן ווי דער שרייבער פון "צום פינטל" האט באשריבן ווי ער האט געטון ביזנעס אינאיינעם מיט א חבר, דער חבר האט אים דערציילט איבער איינע פון זיינע דעיל'ס וואס האט אויסגעזען צו זיין א גאלדן גרוב, ער האט קויפט פון א אוקשן א שיינע טייערע הויז אין יוטא פאר גאר א ביליגער פרייז, קורצליך דערנאך איז ער געוואויר געווארן אז קיינער קען נישט אריינגיין דארט, חוץ אויב מען טרעפט דעם אלטן בעל הבית וואס איז אנטלאפן און איבערגעלאזט דעם הויז מיט הונדערטער גיפטיגע שלענג וואס ער האט שטודירט אין די לעצטיגע יארן.

נאך אביסל ריסורטש איז מען אנגעקומען צום פריערדיגן בעל הבית, און אים איינגעבעטן ער זאל אריבערקומען, אינצווישן וואס מען האט אויסגעארבעט די דעטאלן ווי אזוי ער קען אריבערקומען שטילערהייט אן ציען אויפמערקזאמקייט פון די רעגירונג, האט דער פריערדיגער בעל הבית אלעמאל באטאנט: "קיינער זאל נישט טראכטן פון עפענען דעם הויז, ווייל דאס איז א זיכערע טויט! אויב "איך" וועל עס עפענען איז עס בכלל נישט מסוכן, הגם איך קען נישט צוזאגן אז איך וועל זיי קענען ארויסנעמען, אבער מיט די ערפארונג וואס איך האב פון אלע יארן בין איך פארזיכערט אז איך קען עפענען די הויז פארזיכערטערהייט".

די דראמא פון די געשיכטע הייבט זיך טאקע אן מיט די אומשולדיג אויסזעענדע ווערטער, וואס - פאר א אומפארשטענדליכע סיבה - האט דאס ארויסגענומען דעם שרייבער פון די שורות פון זיין גלייכגעוויכט.

ווי ער שרייבט אליין: "די ווערטער - וואס טראגן אויבן אויף עפעס נישט קיין באזונדערע באדייט - האבן מיך אנגעהויבן מאכן זייער שלעכט שפירן, עס האבן אנגעהויבן עפעס מאנען אין מיר, עס איז עפעס ווערטער וואס איז וויכטיג פאר מיר אין מיין לעבן, עס איז ווערטער וואס איך דארף ניצן, אבער ווי, וואס, ווען?"

"איך האב געפילט ווי די ווערטער מאנען עפעס גאר שטארק און טיף פון מיר, אבער איך האב נישט געוויסט פארוואס, וואס דארף דאס באדייטן פאר מיר אין מיין פערזענליכע לעבן, פארוואס ווער איך אזוי אויס מענטש?"

**און יעצט ליינט ווייטער**

**מיטן צינג אינדרויסן**

איר מיינט אז נאר איר זענט געבליבן מיטן צונג אינדרויסן אזא דראמאטישע געשיכטע און מען דארף יעצט ווארטן נאך א וואך צו הערן די גליקליכע אדער גאר אומגליקליכע ענדע, זייט זיכער אז איך בין פונקט אזוי נייגעריג געווען וואס אזוינס עס האט פאסירט, ווי אזוי די מעשה האט זיך געענדיגט.

**ענגלישע דמיונות**

בפרט נאך דעם וואס איך האב געליינט פאריגע וואך די הערליכע אינהאלטסרייכע "דמיונות ארטיקל" פון אונזער באגאבטער שרייבער ר' ישראל העסקל הי"ו פון לאנדאן הבירה (פרעג מיך נישט וואס באגאבט מיינט, אזוי שרייבן די שרייבער אויף איינער וואס איז א גוטער שרייבער...) האב איך שוין געפילט אז איך האב א שטיקל אח לצרה, עס איז שוין דא נאך איינער וואס מוטשעט זיך מיט - דאס וואס דער רבי רופט אן כח המדמה - און ס'באמת געווען א הערליך ארטיקל, איך האף נאר אז ער וועט אריינקומען מער אפט מהנה זיין מיט זיינע זיסע געדאנקען, עפעס א קלייניקייט? דמיונות באזירט אויף ענגלישע פאקטארן, טראגט מיט זיך גאר א אנדערע באדייט, עס קען זיך נאך מאכן אז ער זאל זיצן אויפן "פיקידלי ליין..." און - מיט אזא גוטע כח המדמה - זיך אים פאר א רגע ווילן דאכטן אז די לאנדאנער הימלען זענען נישט פארכמורעט, און די מעשה וועט זיך אנהייבן שפינען... וועט דאך אבער די כסדר'דיגע דערמאנונגען אויפן באן... אממ... אטשולדיגט אויפן פיקעדילי-ליין ווי זיי בעטן זיך אזוי שיין: "פליז מיינד די געפ ביטווין די פיקידילי ליין ענד די פלאטפאם" בעל כרחך אים צוריקברענגען צום רעאליטעט, אז ער

געפינט זיך אין די פארוואלקנטע לאנדאן... ער וועט זיין געצווינגען צוריק צו לאנדען און לאנדאן...

ווער רעדט נאך פון געניסן פונעם באקוועמען אמעריקאנער חלום, נעמליך זיך ארייזעצן אין די פאדערשטע לינקע זיץ פונעם קאר, זיך אנגאַרטלען אין סיעט בעלטס, זיך אויסציען מיט א משניות און אויפן וועג האקן א ח"י פרקים, א יום תהילים, און אין דמיון זיצט זיך זיין שאופע"ר צו זיין רעכטע זייט, און דרייווט אים, זיצט פאר אים אין טרעפיק, ער וועט נאך אנקומען ביז צו דער ארבעט... פון דעם קען ער פארגעסן... ווייל ווי שטארק דער כח הדמיון זאל נאר זיין, קען דאס אבער נישט רירן דעם טרעקל פון פלאץ... האסט פארגעסן ביסט דאך אין די לינק געשטימטע ענגלאנד, דארט זיצןביים רודער נאר די לינקע, אפשר מיטן נייעם ערוועלטער פריים מיניסטער, צוזאמען מיטן ניי געקרוינטער קעניג וועט מען קענען אביסל 'ברייט' מאכן די 'ענג'ע קעפ ענג'לישן באפעלקערונג, און נויגן אביסל צו רעכטס... ווער ווייסט, און אפשר וועט עס האבן א השפעה אויף די קאר'ס, אז נו... דער יונגערמאן דער דרייווער זאל נישט דארפן זיצן אינעם אשת חיל'ס זיץ... ווער ווייסט?!

**איך קען נישט ריטשען מיין חבר דעם אינוועסטער**

איך ווייס נישט ווי די דמיון האט מיר געפירט קיין לאנדאן, אבער איך זע מיך מיטן אומגעפערטיגטער ארטיקל, און עס איז א בחינה פון "עמו אנכי בצרה" איר מעגט זיכער זיין אז מיר האט אויך אזוי געקרענקט צו וויסן: נו וואס פארא גוט יאר איז די סוף פון די מעשה? איך האב געטון השתדלות, איך האב א גאנצע וואך גערופן צו מיין חבר'ס טעלעפאן, אבער די נאכאנאנדיגע שטימע אויף די אנדערע זייט טרייבל "יו העוו ריטשד די וואויס מעיל אוו ... פליז ליעוו עה מעסעדש עפטער די טאון..." איך ווארט אויפן ביפ אבער דא נעמט איבער א מער מילדערע שטומע: "איימסארי די מעיל באקס איז פול, פליז טריי עגען לעיטער" האט מיך פארזיכערט אז איך בין אריין אין א מים שאין להם סוף, איך האב נישט קיין ענדע צום ארטיקל, איך האב שוין א מיליאן מאל חרטה געהאט אויף די ארטיקל וואס איך האב מיך ארייגעלייגט.

**עצות פון ליינער ווי צו פארענדיגן די ארטיקל**

ביני לביני זענען גוטע אידן צוגעקומען מיר גיסן זאלץ אויף די וואונדן... מיט פארשידענע עצות ווי אזוי מען קען זיך ארויסזען פון דעם פלאנטער, ממש ווי פרעה'ס פותרי חלומות, איינער זאגט: "מען קען אינטערצינדן דעם הויז..." אזא בייפאל?! דער חבר מיינער זאל מיר נאר אויפהייבן דאס טעלעפאן, איך וועל אים שוין געבן צו הערן... איך וועל אים דערמאנען די גוטע צייטן ווי ער פלעגט זיין פון די גוטע צינדערס אין ישיבה... א צווייטער קומט מיט א באמבאסטישע איידיע נעמליך: "מען זאל נישט מער און נישט ווייניגער אויפהערן צאלן שטייער, אזוי וועט די הויז צוריקגיין צום באנק". פשי-י-הא! אזא גאונות איז דאך באמת עפעס וואס קען אים ארויסדרייען פון 'דעם' פלאנטער, און פארשטייט זיך ארייגלייגן אין אנדערע פלאנטערייען... אנדערע האבן מיר געגעבן ממש א סימפל עצה, איך וויל טאקע רעדן צום בעל הבירה, ווי איז אים נישט איינגעפאלן אזא געניאלער איינפאל: "מען קען דאך ארייגגיין מיט ספעציעלע שוץ קליידער, שלאנג-פראָף קליידער".

**מיר קימערט נישט די הויז...**

אבער מיר האט די הויז בכלל נישט געקימערט, איך האב געהאט גאר א אנדערע פראבלעם, ווי זעט מען זיך ארויס פונעם ארטיקל... ווי אזוי שלענג'לט מען ווייטער די ארטיקל, עס זאל זיין רייך, אינטערעסאנט, און דער עיקר אז מען זאל קענען ארייגשווערצן די וויכטיגע מעסעדש וואס איך וויל איבערגעבן פאר כלל ישראל... ווייסט די מענטשן וואס האבן אלס א מעסעדש פאר כלל ישראל?

שוין יעצט האב איך דאך שוין טאקע א זאק מיט אינפארמאציע איבערצוגעבן פאר מיין חבר, אבער איך רוף אים און איך רוף אים און איך רוף אים, אבער 'איין קול ואיין עונה...' נאר דער איינער זעלביגער קול פונעם ענסערינג מאשין...

**די תפילות וואס עס איז אריין אינעם ארטיקל**

אבער ווי איר זעט האב איך מיך נישט פארלוירן איך האב ווייטער געשריבן, טייל דערפון זענען פארוואנדלט געווארן אין אנדערע ארטיקלען... וואס איר וועט נאך אי"ה ליינען אין די צוקונפט... טייל דערפון ליינט איר יעצט... אבער א גנב איז נישט איינער וואס קען גנב'ענען, און א למדן איז נישט איינער וואס קען לערנען... אזוי אויך איז א שרייבער נישט איינער וואס קען שרייבן ווען עס וועט אים אונטערקומען, א שרייבער איז איינער וואס שרייבט. שרייבט זיך דער שרייבער, אויף זיין שרייב טישל, ווען יעדע פאר מינוט שטעלט ער זיך אפ, שטעלט אן דעם זייגער'ל פאר זעכציג סעקונדעס ער מאכט זיך צו די אויגן און בעט: **"רבונו של עולם, דיינע קינדערלעך ווארטן מיט דארשט אויף "צום פינטל" איך האב אנגעהויבן אן ארטיקל, אבער עס פעלט מיר אינפארמאציע, איך קען מיך קיין עצה נישט געבן אוי אוי, אייבערשטער פארשעם מיך נישט, רבונו של עולם העלף אז איך זאל נישט פארלירן מיין רעפוטאציע אלס אן אויסגעצייכענטער שרייבער, העלף מיר! שפאלט מיין קאפ און געב מיר אריין די ריכטיגע ווערטער, עס זאל זיין ווערטער וואס זאלן ענדליך ארויסנעמען א איד פון זיין קטנות און אנהייבן טראכטן אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, און צו אים - און נאר צו אים - קען מען זיך ווענדן".**



**מיין טיש הייבט אן באז"ן**

ביני לביני האב איך ווייטער געשריבן, און געשריגן, זיך געדרייט אין מיין אפיס בענקל און געבעטן נאך א תפילה און נאך א תפילה: **"רבונו של עולם דו ווייסט דאך אז איך מיין אויך מיך, אז מענטשן זאלן**

**זאגן אז איך בין א גוטער שרייבער, איך גיי דיך נישט פאפן אז איך מיין נישט 'אויך' מיין אייגענע כבוד, אבער רבונו של עולם צוליב דעם בין איך באשאפן געווארן אז איך זאל באקומען גוטע ווערטער פון מענטשן? מיין עיקר כוונה איז אז איך זאל קענען שפאלטן די קאפ פון נאך א איד, אז ער זאל וויסן אז ער איז 'נישט' פארפאלן, און אז ער האט דיך אייבערשטער".** און געלויבט דער פון (אויבן?) איבעראל... מיין טיש הייבט אן צו באזז'ן זעעע זעעע זעעע..., זעעע זעעע זעעע..., איך קוק אויפן טעלעפאן, יא! דאס איז ... מיין חבר, איך הייב אויף מיטן גאנצן עקסטאז: "שלום עליכם!" אבער נאך פאר וואס, ווי, ווען, באפאלט ער מיך מיט א ויצעקו: "וואס שלום עליכם? האסט מיך ארומגעטראגן אין די גאנצע וועלט, האסט גענומען מיין מעשה פאר דיין ארטיקל אינעם ברסלב'ן בלעטל??" איך זאג אים: "שריי נישט, איך האב נישט קיין צייט יעצט צו קיין פסקים, איך מוז עס ענדיגן, איינמאל איך וועל ענדיגן די מעשה וועל איך דיר אלעס דערציילן, איך וויל וויסן וואס איז געווען די סוף מיט'ן הויז, האסט זיך געטראפן מיט דעם יעניגער? ביסט נאכאמאל אריבער קוקן דעם הויז? עפעס האט זיך געגעבן א ריר?"



אבער ער געבט נישט אויף, ער זאגט מיר: "ווייסטו וואס, איך מאך מיט דיר א געשעפט, איך ווייס דאך אז דו ביסט נישט דא צו באשרייבן סתם הוידל בוידל א מעשה מיט א יוטא... מיט א שלאנג... מיט א אינוועסטמענט... האסט דאך געוואלט ארויסברענגען עפעס אויף למעשה, איז אזוי, אויב זאגסטו מיר וואס דו האסט דא געוואלט ארויסברענגען מיטן ארטיקל זאג איך דיר די צווייטע טייל פון די מעשה."

***

איך בין איינגעגאנגען אויף דעם געשעפט און מיר זענען אריין אין א שיינעם שמועס, איך האב אים געזאגט:

"איך וועל דיר זאגן, איך האב אינזין געהאט אראפצולייגן אויף קליין געלט א גאר רייכע און וויכטיגע שיעור וואס דער ראש ישיבה האט גערעדט אום תשע"ב, די שיעור הייסט **"עס איז נישט קיין פעלער צו האבן א פעלער"**. נאך א זאך וואס איך האב געוואלט ארויסברענגען מיט די מעשה איז דאס וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן סימן ס"ו, אוי דער הייליגער רבי, דער חכם מכל אדם איז קארג געזאגט, פשוט פאר די שורה וואס דער רבי שרייבט דא, אז צומאל קומט אריין אין א מענטש א מחשבה אז מענטשן קוקן יעצט ווי איך דאווען, און איך וועל מאכן אזא תנועה, אדער געבן אזא קלאטש, אז מיין דאווענען זאל האבן חן אין די אויגן פון מענטשן, אבער דער מענטש שעמט זיך פון זיך אליין, וואס הייסט איך מאך א תנועה ביים דאווענען פאר מענטשן? וועגן דעם מאכט ער זיך א שנעלע חשבון, און געבט א קרעכץ, א קלאטש, מאכט אזא שיינע תנועה - בלתי להשם לבדו - ער פאפט זיך אליין אז באמת קומט דא פשוט מרוב התלהבות אז דא זאל איך זיך צוקאכן ביים דאווענען".

**אזא תורה איז דא אין ליקוטי מוהר"ן? וואוו! דאס איז טיף! פשיהאאא! זייער שטארק.**

**איין מינוט דו פירסט מיך דא אין באד אריין, וואס האט דאס צו טון מיט די אינוועסטמענט וואס איך האב געמאכט, וואס פינקטליך האט דאס צו טאן מיט מיין הויז אין יוטא... מיט די שלענג?**

פאוואליע! כאפ נישט קיין קאלטע לאקשן... דו וועסטיך נאך פארקילן... הער צו, קענסט נעמען נאך א ציגערעטל נאך א טראפקעלע וועסטו אלעס פארשטיין... דו ביסט א אינוועסטער און איך בין א שרייבער, איך וויל נישט וויסן ווי אזוי א אינוועסטערס קאפ ארבעט... און דו ווילסט נישט וויסן ווי אזוי א שרייבערס קאפ ארבעט...

**גראדע רייכער איך נישט, אבער דו ביסט גאנץ אינטערעסאנט, איך פארשטיי! עס מוז זיין גאר אינטערעסאנט ווי אזוי מיט א אריינגעפאלענע שלענג הויז גייסטו אריינלייגן הויכע תורות. דו ווייסט וואס, איך דארף מיר ווען שאפן דיינע אלטע "פינטלעך" דו פארסט אויף א גוטע ליניע.**

אבער איין מינוט איך בין נאכנישט פארטיג, איך האב נאך א זאך וואס איך בין זיכער אז דיך באדערט אויך, און איך פלאן עס אריינצופלעכטן אין דעם ארטיקל, זאג: ביסט לעצטנס געווען ביי א מסיבה, ביי א שבע ברכות, אדער סתם א דרשה?

**יא! פארוואס פרעגסטו? גראדע לעצטנס בין איך געווען יעדע נאכט אויף שבע ברכות מיין שווער האט דאך חתונה געמאכט, האסט פארגעסן?**

איז לאמיך דיר פרעגן, האסט זיך אמאל באגעגנט מיט א בעל דרשן וואס מאכט א גאנצע הקדמה: "לא איש דברים אנכי" "איך האב מיך נישט צוגעגרייט", "מען האט מיך געבעטן צו רעדן", "איך ווייס נישט צו איך בין ראוי, אבער במקום שאין איש איז הערינג אויך פיש", "עס איז מיר נאר אזוי אויפן וועג איינגעפאלן", "איך וועל נישט לאנג אויפהאלטן דעם עולם".

וואס מיינען די אלע ווערטער? וואס איז דא געשען? רבי איד שטעלט אייך אויף, און זאגט וואס איר האט צו זאגן, און האלט נישט לאנג אויף דעם עולם, וואס איז די הקדמה? הע? איך פרעג דיר? האסט אמאל געטראכט דערפון?

**יא! מיך האט עס זייער נערוועז געמאכט, און... דו האסט א פלאן מיט מיין דורכגעפאלענע אינוועסטמענט צו פארענטפערן די חידה סתומה? איך ווארט שוין אויף דעם ארטיקל, עס מוז זיין גאר עפעס אינטערעסאנט, ביז יעצט האסטו געוואוסט: "ווי אזוי ענדיג איך צו דעם ארטיקל", יעצט מיין איך אז איך בין שוין מער נייגעריג פון דיר "ווי אזוי גייט זיך דער ארטיקל ענדיגן" דו מאכסט ממש א שיעור עיון תורה, האסט צוואנציג באמבאסטישע קשיות, און די גייסט עס פארענטפערן מיט א איין**

**אומגעלונגענע אינוועסטמענט פון דיין חבר...! ווער ווייסט אפשר אויב מען קען אזויפיל זאכן קלארשטעלן אפשר האט זיך שוין אויסגעצאלט די אינוועסטמענט...**

קען זיין! דאס וועט מען זען איינמאל דער ארטיקל וועט זיין פארטיג, אבער יעצט לאמיר הערן ווי אזוי די מעשה האט זיך ווייטער געשלענגלט...

**פרעגסט גוט, עס איז ווייט פון געענדיגט, אבער אזוי פיל יא, ווי זאגט די וועלט "פארעכענט איז האלב באצאלט!" אז מען ווייסט כאטש ווי מען שטייט אויף די וועלט, איז מען נישט אין אזא בהלה.**

**א בחינה פון "אין שמחה כהתרת הספקות", איך בין אראפגעפארן צו דעם פריערדיגן באלעבאס, ביז איך האב אים געכאפט, ביז ער האט מיר ארויסגעגעבן ווי ער וואוינט, ער וואוינט אין נעוואדע, האסט שוין אמאל געהערט פון נעוואדע?**

וואס איז די שאלה נע-ודאי... עס איז דאך א סטעיט נעבן יוטא...

**יא יא! כככככ... נו וודאי! אלעמאל מיט דיינע ווערטלעך... איך וועל דיר זאגן, איך האב געהאט א מיטינג מיט אים, ער האט מיר דערציילט דברים כהווייתן, איך גיי דיך נישט אויפהאלטן שעות ארוכות מיט אלע דאקומענטן אלע דעטאלן וואס ער האט מיר געברענגט, ער האט מיר מסביר געווען פונקטליך ווי אזוי מען האדעוועט שלענג, ער האט מיר געזאגט ווי אזוי ער טוט שוין אין דעם עטליכע און צוואנציג יאר, ער האט מיר מסביר געווען ווי אזוי ער קען האלטן א גיפטיגע שלאנג, און נישט נאר ער ווערט נישט געביסן נאר ער קען ארויסנעמען די גיפט דערפון, מען ניצט עס פאר רפואות, ער האט מיך עדזשיוקעיטע"ד... ווער עס קען ווערן באשטעטיגט צו האנדלען דערמיט, ווי אויך ווי אזוי מען קען באקומען א פערמיט, א לייסענס פון די גאווערמענט צו זיין בארעכטיגט זיך צו באשעפטיגן מיט זיי, ווי אזוי ער האט מסדר געווען זיין הויז ווי ער פלעגט וואוינען, אן דעם וואס ער זאל געשטערט ווערן פון די שלענג, און בעיקר ווי אזוי ער פלעגט מיט זיינע גענייטע מאנעווערעס ארומשפאצירן צווישן די שרעק-אנווארפענדע מאונסטערס אן צו געשעדיגט ווערן.**

נו תכלית גערעדט ער האט געמאלן וואסער, אבער מען איז ארויסגעקומען מיט עפעס?

**ס'איז א בחינה פון תם 'ולא' נשלם, עס האט מיר געגעבן א טריט פאראויס און איך האב געזען אז עס איז נישט קיין פארלוירענע זאך, בעצם די הויז איז געבויט אויף זייער א טייערע סטיל, עס איז ווערט דריי אדער אפילו פיר מאל די פרייז פון וויפיל איך האב עס געקויפט, איך האב אפאר אפציעס אויפן טיש.**

סאו וואס איז די פלאן דו גייסט ווער א הער-פעטא... איך ווייס נישט וואס? ווי אזוי נאר?

**הערפאטאלידזשיסט**

דו גייסט זיך אויסלערנען צו האדעוווען שלענג? גייסט עפענען א שטעטל אין יוטא? איך מיין? וואס איז די פלאן.

**איך וועל דיר זאגן, איך צי' נאכנישט קיין שום מסקנות, אבער דאס ווייס איך איינמאל זיכער אז מיטן אייבערשטן'ס הילף האב איך קאנטעקט מיט דעם מענטש, ער איז מסכים צו ארבעטן מיט מיר, הגם איך האב נאכנישט קיין פיינעל דעסיזשן וואס איך גיי טון, אבער דאס אליין דאס געט מיר א שטארקע רואיגקייט אז עס איז נישט פארלוירן אינגאנצן.**

**איך קען דיר זאגן אויבן אויף די אפציעס וואס איך האב געקלערט, אבער עס מוז נישט זיין אז איך וועל גיין דערמיט.**

**ערשטע וועג. עס קען זיין אז איך וועל מאכן מיט אים א שטיקל שותפות, איך וועל אים געבן די שליסל, און וועל אים העלפן שאפן די נויטיגע פאפירן, ער וועט מיר צאלן רענט, און ער וועט ווייטער טון דארט זיין ארבעט.**

**צווייטע וועג. איך קען מאכן אז ער זאל דארט זיין אויף למשל א יאר צוויי, איך געב אים רשות אריינצוגיין, איך העלף אים מיט די פערמיטן, און ער דארף מיט זיינע וועגן טראנספארטירן די סחורה צו א אנדערע לאקאל, ער וועט פלאצירן יעדע מין שלאנג אין זיין ספעציעלע פלאץ ווי עס געהער, ער קען נאך ווייטער מאכן געלט אויף זיינע עקספערימענטן וכדומה, עס לוינט מיר נישט זיך אינגאנצן ארויסצוציען דערפון, ווייל אויב רייניגט מען אויס די הויז אפילו עס זאל נעמען אפאר יאר, איז די שוויות פונעם הויז זייער הויך, פיל מער וויפיל עס קאסט צוצושטעלן אלע זאכן פאר אים, עס וועט מיר נאך אלס בלייבן ריוח פונעם געשעפט אחרי ככלות הכל קרוב צו א מיליאן דאלער.**

וואוו! איך בין אזוי פריילִיך פאר דיר,



געדענקסט ווי דו ביסט געווען טיף אין דער ערד ווען דו האסט אויסגעפינען וואס דא טוט זיך, האסט נישט געקענט חלומ'ן אז דער אייבערשטער וועט דיר אזוי שיין העלפן, איך זע אז דער עיקר פראבלעם זיינע איז געווען אז ער האט זיך נישט געקענט צאמנעמען צו מאכן די קלייניקייטן, די פערמיטן מיט די אנדערע זאכן, און דאס האט אים אין דער ערד גענליגט.

**עס איז אמת, אבער ער האט געהאט נאך א גאנצע מעשה ווי אזוי ער האט באנקראטירט, ער איז געווען זייער פריילִיך אז איך קען אים ארויסהעלפן, ווייל ווי נישט ווי אויב בלייבט עס אזוי וועט מען סוף כל סוף אנקומען צו אים, אבער איז נאכנישט קיין גאנצע ישועה, איך דארף זיצן מיט עקספערטן און אויסארבעטן די דעטאלן, אבער אזויפיל יא, אז איך ווייס אז עס דא א וועג אריין אינעם שלענגן גרוב בין איך רואיג, איך האב א קאפ צו טון די אלע נויטיגע זאכן וואס ספעלט זיך אויס.**

האסט א פלאן אריינצוגיין אינעם

הויז אמאל מיט אים?

**איך ווייס נישט! ער האט מיר גראדע פארגעשלאגן אז ער קען מיר געבן א פארזיכערטע טור אן ווערן געשעדיגט, עס דארף צו זיין גאנץ אינטערעסאנט, אפשר איין טאג אפשר וועלן מיר גיין פאר א חול המועד האלטן... איך האף נאר אז עס וועט זיך נישט ענדיגן ווי די**



**מעשה מיטן שפיגל... אבער איך האף אז דו כאפסט ווי רואיג און מיושב איך בין געווארן אז איך ווייס אז עס איז נישט קיין פארמאכטע פארשפארטע זאך, עס איז אפען וועגן מען דארף, עס איז נאר די טעכנישע חלקים וואס מען דארף מסדר זיין.**

יא! יא! דאס איז עס! דו האסט געצילט אין "פינטל", דאס איז די נקודה וואס רוישט אין מיר, און דאס איז די גאנצע כוונה פון די ארטיקל.

איך האף אז דו ביסט נישט ברוגז אויף מיר אז איך האב צעשמירט דיין מעשה, אבער איך האב נישט געקענט טרעפן קיין בעסערע צושטעל צו דעם ענין, איך האב אסאך געטראכט: וואס איז פשט אז מענטשן וואס רעדן צום אייבערשטן זענען רואיגע מענטשן, זיי טוען זאכן מיט ישוב הדעת.

איך געדענק איך בין געווען איינגעשטעלט אין א ישיבה... איינגעשטעלט תרתי משמע... עס איז מיר געווען א איינגעשטעלטע פאסטן דארט... און איך בין טאקע געפלויגן פון דארט אלס ברסלב'ער... על כל פנים, מען האט געלערנט אמונה מיט די בחורים עס ליגט מיר אין די ביינער, איינער פון די מגידי שיעור האט זיך זייער גערעגט, מען נעמט בחורים וואס מען קען ארײַנלייגן אין זיי אזויפיל, און מען איז זיי מחנך אז זיי זענען אלעס יוצא ווען זיי זאגן "איי לאוו יו האשעם!" ער מיט זיין קליינע שכל האט נישט געכאפט אז די לימוד פון רעדן צום אייבערשטן איז נישט א זאך וואס דו לייגסט אויף די וואגשאל, פון איין זייט איז דא גמרא רש"י, תוספות, קובץ מפורשים, מסילת ישרים, רצופות, בחינות, פומבי, און אלע שיינע פראגראמען וואס מען מאכט אין ישיבות, און יעצט לייגט מען אויפן אנדערן זייט וואגשאל עפעס אזא פריקת עול וואס הייסט "התבודדות" מען געט א זאג א ווארט צום אייבערשטן און מען איז פטור פון א-א-א-לעם... איך האב פארשטאנען זיין ווייטאג ווייל ער האט נישט געוויסט די טייטש פון התבודדות.

**נו זייער שיין! וואס האט עס מיט די שלענג! וואס האט עס מיט "לא איש דברים אנכי"? וואס האט עס מיט די תורה אין ליקוטי מוהר"ן? וואס האט עס מיט די שיעור פון "עס איז נישט קיין פעלער צו האבן א פעלער"?**

הער צו! א מענטש... איז א הויז... וואס איז פול מיט שלענג...

**נאכאמאל? א וואס? א מענטש איז א הויז פיל מיט שלענג?! פשיהא! אזא חידוש דאס איז מיר שוין נישט בייגעפאלן...**

א מענטש האט א פראבלעם, למשל ער האט אזא געפערליכע מידה, ווען איינער פארשעמט אים ווערט ער ממש ווי א שלאנג, די כעס ברענט אין אים, און צומאל צינדט זיך אן אין אים רציחה, ער וועט יענעם פארשעמען און צוריק זאגן פריוואטע זאכן ממש יענעם הרג'ענען, יא? איז וואס לאכסטו פון מיר, א מענטש איז נישט קיין שלאנג אבער ער איז אנגעפילט מיט שלענג.

איך וועל דיר געבן א משל: א מענטש שפאצירט זיך אין גאס ארײַנגעטון אין זיינע מחשבות, ער איז ביי זיך זיכער אז ער איז אנגעקומען כאטש צו עפעס א מדריגה, ווי נישט ווי זיצט ער און לערנט, ווי נישט ווי רעדט ער מיט א ווייכע טאן צו יעדעם, ער האט אין זיך מידות טובות וישרות, דער איד שפאצירט אויף די גאס און פלוצלינג פארט אריבער א עקלהאפטיגע שטאטישע באס, מיט גרויסע ריזן בילדער פון אויסגאלאסענע נבילות, און - צו ער וויל יא צו ער וויל נישט - עס וועקט זיך אויף א שלאנג אין אים, ער געבט א קוק א קליין בליקל, זיינע פייערדיגע געפילן וואס ציען אים צו כאפן א קליין בליקל אויף אויסגעלאסענקייט רעכענען זיך בכלל נישט מיט אים.

דער יונגערמאן ווערט פלוצלינג געוואויר אז ער איז נעבעך ארײַנגעפאלן מיט א הויז, און די הויז איז פול מיט שלענג, עס איז א טייערע פראכטפולע הויז, אבער עס איז פול מיט נחשים ועקרבים.

נאך א דוגמא קטנה, דאס וואס מיר האבן גערעדט איבער בעלי דרשנים, עס שטעלט זיך אויף א טייערער וואוילער איידעלער איד, און הייב אן צו געבן א 5 מינוטיגע שיעור ווי נישטיג ער איז, און ווי נישט פארגעקוקט ער איז, און ווי שטארק ער האט באמת נישט געוואלט רעדן, נאר דער מחותן האט גע'חלש'ט אים מכבד צו זיין....

יא? דו ביסט דא? דו הערסט וואס איך רעד, אדער דו ביסט ביזי מיט דיין סטעטוס?

**איך בין דא, איך הער יעדעס ווארט, עס איז מיר זייער א אינטערעסאנטע לעקציע, איך מוז הערן ווי דו גייסט דאס ענדיגן? איך בין פשוט שטיל ווייל איך ווארט צו הערן, יעדעס ווארט איז פערל און דיימאנטן.**

וואס איז די דרשה יעצט, איך וועל דיר זאגן, דער איד איז א וואוילער איד, ער האט באקומען א טעלעפאן רוף פונעם מחותן: "איך מאך מעצטשעם שבע ברכות קומענדיגע וואך איך וויל דו זאלסט רעדן אפאר ווערטער".

די ווייסט וואס עס געשעהט יעצט אין דעם מענטש?

א. ער ווערט מורא'דיג פריילך אז ער וועט קענען רעדן, מענטשן גייען אים אויסהערן (וואס באמת איז עס בכלל נישט קיין פראבלעם, א מענטש מעג און דארף פילן גוט אז מען רעספעקטירט אים).

ב. עס קומט אבער גראד אריין

אין אים א מחשבה 'העי... דו ביסט טאקע אזא בעיבי דו דארפסט אטענטשן?'

(וואס באמת איז דאס ביי יעדער מענטש, יעדער מענטש האט ליב אטענטשן, מען ווערט נישט קיין בעיבי ווען דעם, פארשטייט זיך מען דארף וויסן ווי אזוי עס צו בעטן... נישט אויף א בעיבי'שע וועג).

ג. נאכדעם קומט נאך א מחשבה: וואס איז מיט גאווה, איך בין פארפעסטעט מיט גאוה? ס'קען זיין אז טיף אין מיר נעסטעווען זיך שלענג פון די ארגסטע מידה פון גאוה?

(גאוה מיינט נישט אז מען ווייסט אדער מען רעדט זיך איין אז מען קען גוט רעדן, שרייבן וכדומה, גאוה איז אז א מענטש רייסט זיך אפ פונעם אייבערשטן).

ד. אבער דא קומט די צווייטע מחשבה: ווי נישט ויגבה ליבו בדרכי השם, און ווי נישט איז עס דאך אויף שמחת חתן וכלה.

ה. אבער די מחשבות לאזן נישט נאך: ווער ווייסט אפשר וועט עס נישט געלונגען, און אנשטאט די כבוד, וועל איך גאר האבן בזיונות.

עס הייבט אן ספינען א וואש מאשין אין זיין מח, ער קוקט זיך פאר, אבער ער ווייסט אליינס נישט וואס גייט פאר מיט אים, עס איז א בחינה פון וגילוי ברעדה..., א געמיש פון שמחה, איגאו, גאוה, טרויער, טשעלענדש, אפשר דורכפאל, די אלע זאכן ווערן אריינגעדרייט דער מענטש אליין קען זיך נישט, ער ווייסט נישט אז עס טוט זיך אין אים די אלע זאכן, אבער עס איז דא א ווארט סאבקאנטשעסלי, אין אידיש, אונטער זיין באוואוסטזיין, שטורעמען אין אים די אלע זאכן וואס לאזן אים נישט קיין מנוחה. יעצט, עס קומט די געהויבענע נאכט פון די שבע ברכות, מען האלט שוין ביי זיין רייע און... באכע באכע... די מחשבות לויפן ביהיינד די סינס, עס טוט זיך א שיף אן א רודער.

די זאכן וואס ער זאגט אנהייב די ערשטע פינף מינוט איז ווי א ענטפער אויף זיינע מחשבות: "לא איש דברים אנכי, איך האב מיך נישט אנגעגרייט, מען האט מיך געבעטן צו רעדן" דאס איז א תשובה אויף זיין מחשבה: די נאר איינער! בלייב זיצן וועט קיינער נישט וויסן אז דו ביסט א אומבא'טעמ'טער רעדנער! אבער איך וויל דאך רעדן ווייל אפשר וועט עס יא געלונגען און איך וועל באקומען די סעטיספעקשן אז 'איך' בין גוט, אבער אפשר בלייב זיצן און פארשעם דיך נישט אליין.

אויף דעם קומט דער ענטפער: איך בין נישט קיין רעדנער, איך וואלט מיך קיינמאל נישט אויפגעשטעלט רעדן, און... וועל כולם איך בין נישט אנגעגרייט, סוי קוקסט מיך נישט אראפ אויב עס איז אומגעלונגען, עס איז נישט אז איך האב דא גע'חלש'ט צו רעדן, אין די צייט וואס איך בין סתם א לא לנו, און אפילו עס געלונגט נישט חס ושלום, באמת קען איך יא רעדן איך בין א גוטע רעדנער נאר איך בין ליידער נישט פארגעקוקט.

ווייטער איך ווייס נישט צו איך בין דער פאסיגער מענטש צו רעדן, אבער במקום שאין איש איז הערינג אויף פיש...

דאס איז א תשובה אויף דאס וואס דרייט זיך אין אים איך בין אזא אטענטשן סיקער, איך ווער שוואך ווען אפאר מענטשן וועלן קייען ניסלעך און מיך אויסהערן, אדער בלייבן שטיל למען כבודי.

אויף דעם קומט די תשובה: ניין איך בין נישט קיין רעדנער (אין אנדערע ווערטער איך זוך בכלל נישט די אטענטשן, באמת בין איך א עניו) נאר ההכרח לא יגונה, דער בעל שמחה וועט פשוט נישט קענען שלאפן רואיג ביינאכט אויב איך וועל נישט רעדן, שוין וועל איך אים א טובה טון אבער מיינט ח"ו נישט טייערע איד אז איך האב "מרצוני הטוב געוואלט באקומען די אטענטשן".

דאס איז א טיפה מן הים וואס מענטשן מאכן זיך מיט מיט מחשבות, ווען זיי זעען ריאליטי ווער זיי זענען באמת, און מען קען דאך אבער נישט עפענען די טיר און מסכים זיין איך בין א בעל גאוה איך בין א פשוטער ב'ית ע'ין י'וד ב'ית י'וד, אדער איך בין א בעל תאוה, איך האלט שוין אזעלכע געהויבענע מדריגות אבער איך האלט נאך פאר אלף.

א מענטש דערזעט זיך כסדר ער קומט עקראס - ווי מען רופט עס אין די שפראך פון אונזער מדינה - מיט זאכן וואס ער וואלט זיך נישט געוואלט קימערן דערמיט, פאר אים וואלט געווען בעסער, ווען ער גייט אויפן גאס און ער ווערט נישט אינספייערד פון אויסגעלאסענקייט, פון אים אויס וואלט ער שוין געוואלט האלטן ביי אזא מדריגה אז ער איז באמת א עניו, באמת גייט אים נישט אן וואס מענטשן טראכטן פון אים, אבער ער האלט אין איין נאכאמאל און נאכאמאל זען



אין א טארנעיד"א פון א מענטש און ער קען זיך נישט ארויסדרייען דערפון.

אז זיין ווייך רעדן, אז זיין שאקלען ביים דאווענען, אז זיין זיך נישט אויפרעגן געוויסע מאל, אבער די אנדערע מאלן ווען ער עסט זיך אינעווייניג, און ער איז גרייט צו צורייסן מענטשן, דעמאלטס ווערן זיינע בנינים צופאלן, און עס איז גאר גאר ווייטאגליך, ער האט צוטון יעדן טאג מיט א צווייטע שלאנג וואס וויל זיך ארויסשטעקן די קאפ און אים קלארשטעלן יא! אדונינו מורינו ורבינו חשובער טייערע איד איר זענט אנגעפאקט מיט גיפטיגע שלענג פון כעס, תאוות, רציחה, קנאה.

אזא מענטש איז אין א סכנה, ער טאר נישט מודה זיין צו די מציאות, ווייל דאס מיינט אין אנדערע ווערטער איך ארבעט יארן יארן אויף מיר און איך האלט נאך פאר אלף? וואס קען מען טון דערצו? מען מוז לייגן א ריזיגן שלאס אויף די אינעווייניגסטע אמת'ע מענטש און מען מוז שטעלן א שיינע פנים 'פאר זיך אליין' נישט פאר אנדערע מענטשן, עס איז נישט ווייל ער איז א פאפער ער וויל פאפן, ער איז פשוט א מענטש וואס וויל קענען אנגיין אין לעבן אן דעם וואס זיינע שלענג זאלן מאכן א חורבן פון זיין לעבן.

וואס געשעהט איז, אז דער איד ווערט נעבעך עלטער און עלטער, ער האט נישט קיין עצה ווי אזוי פטור צו ווערן פון די גיפטיגע שלענג, די קעיס איז הערמאטיש פארשלאסן, דאן ווערט א הימלשרייענדע עוולה געטון צו דעם מענטש אליין, ער פארשליסט אלע טירן מיט דיקע סאונד פראף ווענט ער לייגט שלעסער און שלעסער, און דאס פאראורזאכט אז די שלענג אינעווייניג לעבן זיך א חיים טובים אין דעם מענטש, דער מענטש ווערט שענער און שענער פון אינדרויסן אבער אינעווייניג ווערט ער פארדארבענער און פארדארבענער, און מיט רעכט, וואס זאל איך טון, זאל איך גיין צום שפיגל און מיר זאגן L"טייערער .... דו ביסט א ..." איך וועל נאר ווערן צובראכן, איך קען גארנישט טון מיט די אינפארמאציע, עס איז ממש א עבירה צו עפענען דעם פארשלאסענעם מענטש, ווייל ער וועט אריינפאלן אין א דיפרעשין, אין א יאוש, ממש ווי דו מיטן הויז, מען איז דא סטאק מיט א זאך וואס איז פול מיט שלענג, און איך ווייס נישט ווי אזוי עס ארויסצונעמען, איז וואס עצה'סטע מיך צו טון? איך זאל עפענען די טיר, אוטש! איך וועל דאך שטארבן, איך וועל דאך צעביסן ווערן איך וועל ווערן אויס?

דאס איז די תורה אין ליקוטי מוהר"ן סימן ס"ו א מענטש פאפט זיך אליין, ווייל ער מוז האלטן אין איין פארשליסן זיינע אינעווייניגסטע געפילן, 'פון זיך אליין', דאס וואס ער האלט אין איין טון משוגע'נע זאכן דאס זענען שלעסער אויף זיין אינעווייניגסטע אמת, עס איז פשוט א ענין פון הצלת נפשות.

און דאס איז די שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן, ער געבט עס כסדר, אבער די נאמען איז אזוי טרעפליך "**עס איז נישט קיין פעלער צו האבן א פעלער**".

אז א מענטש האט די עצה פון רבי'ן, ער הערט עס, ער ווייסט עס, און בעיקר "ער ניצט עס" הערסט?! בעיקר "ער ניצט עס" אזא איינער מעג לעבן, ער מעג וויסן וואס עס טוט זיך אינעווייניג, ער איז רואיג, ווייל ער האט די כלים אריינצוגיין צווישן די שלענג און עפענען און נישט ווערן צוביסן, ער האט די כלים, אויב א מענטש ווייסט איך בין א ביטערער בעל גאוה, איך בין א ביטערער בעל עבירה, איך בין א אויסגערופענע כעס'ן, איך בין א מענטש וואס איז גרייט צו הרג'ענען א צווייטן, פארשעמען צוגרינד לייגן יענעמס לעבן אויב קומט עס מיר גוט אויס, אויב אבער ווייסט ער די עצה וואס דער רבי געבט אונז, איז ער נישט אויפן וואסער.

דער האט שוין לאנג אראפגעהאקט די טעלעפאן...

**ניין! איך הער יעדעס ווארט, דו רעדסט זייער גוט! דו האסט זייער א שטארקע פוינט. עס איז אזוי פשוט און אזוי טיעף, מענטשן מיינען אז תפילה מיינט: באשעפער איך דארף א אייסקרים! באשעפער איך דארף א שידוך! דאס איז 'אויך' תפילה, אבער תפילה וואס דאס קאווערט דעם מענטשן'ס לעבן, תפילה פון וואס דער רבי רעדט אז א מענטש ווערט פטור פון אלע זיינע פראבלעמען איז דאס וואס דו זאגסט, דו מעגסט עפענען דעם פארשלאסענעם הויז, ווייל דו האסט נישט מורא אויב גייען ארויסקומען שלענג, איך גיי לכתחילה אריין דארט, איך זאג אייבערשטער איך בין אזא מין איך ווייס נישט וואס, געב מיר א עצה.**

אוי האסטו עס גוט געכאפט! דו ברענגסט עס נאך ארויס בעסער פון מיר, יא יא דאס איז די נקודה, עס איז נישט קיין פעלער צו האבן א פעלער, עס איז א פעלער צו האבן א פעלער און נישט קעיר נעמען דערפון, אבער אז דו האסט א פעלער און די ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו ספראווען דערמיט, בלייבסטו מיט א הויז/מענטש פול מיט שלענג, און די קענסט זיך קיין עצה נישט געבן.

אבער אויב דו ווייסט אז דו קענסט אנכאפן די שלענג, און זיך שפילן מיט זיי און ארויסנעמען די גיפט, ווי אזוי? מיט דיין מויל! רעד! זאג! שמועס! אפאר ווערטער צום אייבערשטן, זאג: **אייבערשטער איך בין אזא כעס'ן! איך רעג מיך אויף ר' ... ווייל ער האט מיך פארשעמט! איך בין פיל מיט שעדליכע קנאה, איך בין מקנה יענעמס טאלאנטן! אייבערשטער איך האב נישט קיין עצה, דו געב מיר א עצה, איך שפאציר אויפן גאס און איך זע, אייבערשטער איך גיי נישט באהאלטן פון מיר און פון דיר דער אמת ווער איך בין און ביי וואס איך האלט.**

אוי איז עס א גאולה! אוי איז ער א אויסגעלייזטער מענטש! דער וואס טוט עס ווייסט נישט וואס ער שפארט זיך, "תפילה לק-ל חיי" זאגט דוד המלך אין תהילים, רעדן צום אייבערשטן דאס איז מיין לעבן, דאס אז איך רעד צום אייבערשטן דאס מאכט אז איך זאל נישט דארפן אנטלויפן און בלייבן מיט די גיפטיגע שלענג אין מיר איך מעג עפענען די טיר.

# שטעטל נייעס

## שיינעם באזוך פונעם ראש ישיבה אין שטעטל



פארגאנגענעם דאנערשטאג וירא האט דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל, און ארום געגאנגען באזוכן אין אסאך פלעצער, גלייך נאך דעם באזוך האט דער ראש ישיבה אפגעשריבן אין א בריוו דעם שיינעם טאג וואס ער האט געהאט אין שטעטל, מיר וועלן דא ציטירן די חלק וואס רעדט פון דעם באזוך: *נעכטן בין איך געווען א גאנצן טאג אין שטעטל; או ווי שיין דארט איז, קענסט ניך נישט פארשטעלן! עס שפירט זיך דארט ממש די פלאץ וואו דער בעל תפילה פלעגט ארויסטראגן זיינע מענטשן חוץ לישוב (ספורי מעשיות, מעשה יב).*

*איך בין ארויסגעפארן אינדערפרי. דאס ערשטע בין איך געקומען אין ישיבה פארלערנען דעם בלאט גמרא, מוהרא״ש האט דאס מיר אזוי אריינגעלייגט אין מיינע ביינער, איך זאל נישט אנהויבן דעם טאג און לערנען א בלאט גמרא, איך האב געדאווענט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג ווי אזוי צו פארן, איך האב געטראפן א אינגערמאן וואס איז מיר גרייט געווען ארויס צו טראגן.*

*דאס ערשטע בין איך געפארן צו די בנין התלמוד תורה, ווייל ביי מיר איז דער עיקר די תלמוד תורה און די מיידל שולע. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (זוהר חדש, לך לך): ״אָמַר רַבִּי יִצְחָק, הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְתִינוֹקוֹת״ ווער עס לערנט מיט קינדער די הייליגע תורה, ״דִּירָתוֹ עִם הַשְּׁכִינָה״ וואוינט ביי אים די שכינה הקדושה, ״וְהַיְינוּ דְּאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן״ דאס איז וואס דער הייליגער תנא רבי שמעון האט געזאגט: ״כַּד הֲוָה אָתֵי לְמֶחֱמֵי עוּלֵימַיָּא בְּבֵי רַב״ ווען ער פלעגט קומען קוקן די קינדער וואס לערנען אין חדר, ״הֲוָה אָמַר״ האט ער געזאגט, ״אֲזַלְנָא לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא״, איך גיי יעצט קוקן די פנים פון די שכינה; ווען איך פאר אין שטעטל גיי איך די ערשטע צו די קינדער, ביי מיר איז דאס די חשוב׳סטע זאך.*

*איך האב גערעדט פאר די בית פיגא תלמידות, אין יעדע כיתה באזונדער. נאכדעם האב איך געגעבן א שיעור, מחזק זיין אלע וואס האבן א חלק אין אונזער מוסד. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי נשא, פיסקא א): ״אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין״, דאס מערסטע דארפן חיזוק די וואס געבן חיזוק פאר אנדערע; איך בין געגאנגען נאכדעם צו די אינגלעך, איך האב זיי דערציילט א מעשה פון ״מעשה׳לעך פאר קינדערלעך״; די ליכטיגקייט פון די קינדער, די פרייליכקייט וואס דארט הערשט - איז נישט צום באגרייפן.*

*מיר האבן אנגעהויבן נישט לאנג צוריק די חדר מיט אפאר קינדער, און די סקול מיט אפאר קינדער, און יעצט איז אין שטעטל אליינס דא אינעם תלמוד תורה און אין די מיידל סקול איבער צוויי הונדערט קינדער, כן ירבו.*

*פון דארט בין איך געגאנגען קוקן דעם נייעם בנין פונעם תלמוד תורה. מיר וועלן אפטיילן די אינגלעך און מיידלעך אין באזונדערע בנינים; יעצט זענען זיי אויך אפגעטיילט, יעצט איז איין שטאק אינגלעך און איין שטאק מיידלעך, אבער די מוסד וואקסט - דארף מען שוין האבן א באזונדערע בנין פאר אינגלעך און א באזונדערע בנין פאר מיידלעך.*

*פון דארט בין איך געפארן צום בנין בית הדפוס אביסל שעפן פרישע כוחות, זען די נחת, ווי עס שטייען אינגעלייט און דרוקן און אפשטעלן די ספרים און קונטרסים. איך האב דארט געזען אן אינטערעסאנטע זאך, איך טרעף דארט א אינגערמאן, א שיינער בעל פרנסה, א בעל מלאכה - שטייט און דרוקט, פרעג איך אים: ״וואס טוסטו דא?״ זאגט ער מיר, ער קומט טון עפעס פאר זיין נשמה; עס איז שוין סוף וואך, ער האט שוין גענוג געלט פאר די וואך - יעצט קומט ער אביסל בהתנדבות העלפן פאקן ספרים און דרוקן. דאס איז מיר זייער געפאלן, צו זען א אינגערמאן האט שכל, ער קומט זיך אנטראגן צו העלפן.*

*אויך האב איך געזען ווי מען דרוקט שוין אלע ספרים און קונטרסים אויף חנוכה, און אויך גרייטן זיי זיך שוין אויף פורים און אפילו אויף שבועות. עס איז נייע צייטן; יארן צוריק האט מען זיך דערמאנט ערב חנוכה צו דרוקן עפעס אויף חנוכה, היינט אינעם*

<<<<

ניעם בית הדפוס קען מען דרוקן אן אויפהער, און אנגרייטן פאר אלע צייטן וואס מען דארף נאך האבן פאר די מפיצים.

מיר האבן געכאפט א טענה: "אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!" דארט אינעם בית הדפוס איז א פרייליכקייט, מען דרוקט דארט די הייליגע ספרים פון רבי'ן וואס ברענגט אריין אמונה אין אידישע קינדער.

פון דארט בין איך געפארן צום נייעם לאונטש, דארט בין איך געווארן זייער פרייליך, ענדליך וועלן די אינגעלייט אין שטעטל קענען האבן די שטוב זויבער, ריין; מען וועט קענען האבן ביידע זאכן, א זויבערע שטוב, און פון די אנדערע זייט - ווי עס איז דא א פלאץ וואו מען וועט קענען באשטעלן זאכן, קויפן זאכן, ערלעדיגן שטאטישע זאכן, באנק חשבונות, זיך לערנען זאכן וכו' וכו'. איך האף אז אלע וועלן ארויסווארפן די געשעפטס פון שטוב און פון קאר, געענדיגט דאס מישן די יוצרות, שטוב איז שטוב און ביזנעס איז ביזנעס.

לכתחילה איז געווען מיין פלאן צו פארן פארטאגס און צוריק פארן עלף צוועלף אזייגער, זיין צוריק אין ישיבה. למעשה דארט אין שטעטל ווערט אזוי גוט אז עס גליסט זיך דארט צו בלייבן, איך וואלט ווען געבליבן וואוינען דארט, איך קען נאר נישט צוליב די ישיבה, איך דארף א פלאץ נעבן מיין שטוב וואו צו לייגן די בחורים; יעצט פרובירט מען, די הנהלה ארבעט זייער שווער צו באקומען רשות צו בויען א שיינע גרויסע בנין פאר די בחורים.

עס האט זיך פארשלעפט, האב איך קודם געדאווענט מנחה. מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט נישט ווארטן ביזן לעצטן מינוט, נאר גלייך דאווענען. מיר האבן געמאכט א מנין, עס זענען געקומען נאך אינגעלייט וואס זענען געקומען משלים זיין די מנין.

פון דארט בין איך געגאנגען קוקן די כולל, אויפ'ן וועג פרעגט מיך דער דרייווער א שאלה פון הלכות שבת. ער איז א סעילסמאן פאר טראקינג, מענטשן באשטעלן א טראק צו טראגן און ברענגען סחורה, און אמאל בעט מען אים צו קומען אויפפיקן שבת און אמאל דארף ער דאס טראגן שבת, פרעגט ער מיר אויב מען מעג? זאג איך אים מיר וועלן גיין אין כולל, די חשוב'ע אינגעלייט לערנען יעצט די הלכות אין הלכות שבת, הלכות שכירות וקבלנות, מיר וועלן זיי פרעגן. איך קום אין כולל, איך זע ווי פלייסיג מען לערנט, זאג איך פאר'ן דיין שליט"א דער ראש הכולל: "איך האב דא א אינגערמאן, דאס און דאס איז די שאלה", אלע אינגעלייט האבן אנגעהויבן זאגן לכאן ולכאן, עס האט אנגעהויבן ווערן דארט א טענה'רייי, מען האט זיך מפלפל געווען, איך בין געזיצן דארט און געקוואלן פון נחת.

פון דארט בין איך געפארן קלאפן מזוזות ביי הרב יעקב לעזער שליט"א, אין שטוב פון אונזער מנהלת בית פיגא תחי'. פון דארט בין איך אהיימגעפארן, געלייגט שלאפן די קינדער, געליינט קריאת שמע מיט זיי, און געלאפן געבן א שיעור.

קומענדיגע וואך האבן מיר א סורפרייז אין שטעטל, מיר האבן א גרויסן גאסט, הרב רבי יצחק שליט"א גייט זיין שבת מברכים אין קרית ברסלב ליבערטי. דאס גייט זיין א שטארקע חיזוק פאר אלע אנשי שלומינו, די גבאים וועלן מעלדן די קומענדיגע וואך וואו די תפילות וועלן פארקומען, און די באטע, און אזוי ווייטער. שבת זאלסטו נישט אויפהערן צו לאכן און טאנצן, אז דו ווייסט פון רבי'ן. א פרייליכן שבת.

## נייע פורניטשער געשעפט אין שטעטל



אין די טעג האט מען אנגעהויבן ארבעטן אהערצושטעלן א הערליכן פורניטשער געשעפט ווי מען וועט פארקויפן גאר שיינע פורניטשער פאר גאר ביליג, אזוי ווי אלע ווייסן רעדט דער ראש ישיבה גאר אסאך פון נישט מאכן קיין חובות בשעת מען מאכט חתונה, און נישט זיך ווארפן מיט אידיש געלט, במילא קומט אויס אז מען קויפט נישט קיין טייערע פורניטשער פאר די פרישע קאפעלס וואס האבן חתונה, אבער א בעט און א טיש און בענקלעך דארף מען דאך האבן, דערפאר האט דער ראש ישיבה געזען פאר וויכטיג אויפצושטעלן אזא סארט געשעפט וואס מען וועט דארט קענען טרעפן הערליכע פורניטשער פאר ביליג.

עס ווערט אהערגעשטעלט ביים גרויסן לאט אויף רעדקליף, דארט ווי עס בויעט זיך יעצט פרישע הייזער פאר אנשי שלומינו, די הנהלה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א ארבעטן גאר שווער עס זאל זיין שיין אהערגעשטעלט אויף א געשמאקן פארנעם, צו די צופרידענהייט פון אלע תושבים.

בקרוב האפט מען צו מעלדן די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען פונעם פורניטשער סטאר, ווען דאס וועט זיך עפענען בשעה טובה ומצלחת.

## סיום ש"ס תלמוד ירושלמי




עס איז יעצט א געוואלדיגע שמחה ביי אנשי שלומינו, ווען נאך איבער פיר יאר לערנען יעדן טאג א בלאט נאך א בלאט פון ירושלמי און ווען מען ווייסט אז מען האט פופצן הונדערט טעג וואס אין דעם איז אריינגערעכענט ימים טובים, שמחות, נסיעות, טעג וואס מען האט נישט גוט געפילט, טעג וואס מען איז געווען פארנומען, האט מען אבער געפאלגט דעם צדיק מוהרא"ש זי"ע וואס האט געבעטן אז אלע אנשי שלומינו זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי, און א פרק תוספתא. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז א מענטש האבן שטארק רחמנות ווען מען באגעגענט א היימלאזע פארשוין, וועגן דעם איז די חלום פון יעדן אינגערמאן איז צו קויפן "אן אייגן הויז".

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז אויף יענע וועלט איז סאך א גרעסערע רחמנות צו זיין היימלאז, דא אויף דער וועלט אז איינער באגעגענט א איד וואס האט נישט קיין דאך איבערן קאפ, קען מען אים אריינגעמען אין שטוב, און אים העלפן, אבער אויף יענע וועלט איז שוין צו שפעט, דארט קען מען שוין נישט "קויפן קיין הויז". מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז מיט דעם וואס מען לערנט טעגליך די דריי לימודים בבלי ירושלמי און תוספתא וואס איז ראשי תיבות "בית", מיט דעם בויעט מען זיך אויף א "בית נצחי", מען זאל נישט זיין היימלאז אויף יענע וועלט.

אויך פלעגט מוהרא"ש אלץ זאגן אז צו לערנען דעם "בית נצחי" טעגליך איז א סגולה מען זאל זיך קענען קויפן א הויז דא אויף דער וועלט. און מען זעט טאקע אז דאס איז בדוק ומנוסה, ווי אינגעלייט פארציילן אז זיי האבן אנגעהויבן לערנען "בית נצחי" יעדן טאג, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז זיי האבן געקענט איבערקומען אלע שטרויכלונגען און זיך קויפן א שיינע דירה.

פארגאנגענעם זונטאג חיי שרה האט מען זוכה געווען צו מסיים זיין דעם גאנצן ירושלמי, וואס אלע מסיימים האבן געפראוועט מיט גרויס שמחה יעדער ביי זיך אינדערהיים.

אין א בריוו צו א אינגערמאן שרייבט דער ראש ישיבה: *דו זוכסט דאך אוועק צו לייגן, צו אינוועסטירן וכו' וכו'; נעם די אינוועסטמענט, לייג דיר אוועק בלעטער גמרא; דאס וועסטו מיטנעמען מיט דיר אויף אייביג, דאס וועט דיר היטן פון אלעם שלעכטס.* אזוי אויך שרייבט דער ראש ישיבה צו א תלמיד: *די הייליגע גמרא איז די בעסטע חבר, דאס וועט בלייבן דיין חבר אין דיינע שווערסטע מצבים. די תורה איז די בעסטע חבר, נעם איר פאר א חבר און אין איר זאלסטו זיך באהאלטן ווען עס איז דיר ביטער; ווייל עס איז נישט דא קיין בעסערע פלאץ וואו צו אנטלויפן ווען מען האט א צרה ווי צו די הייליגע תורה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אויב דו זעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים זאלסטו אנטלויפן צו די הייליגע תורה און דורכדעם וועסטו געראטעוועט ווערן.*

יעצט איז די צייט זיך מיטצוכאפן אויפן וואגן ווען מאנטאג הייבט זיך אן דער נייער מחזור. דער באן ווארט נישט אויף קיינעם נאר לאזט זיך תכף ארויס, און ווער עס האט שכל עפענט אויף די הייליגע גמרא יעדן טאג און זאגט די ווערטער פון די הייליגע תנאים און אמוראים.

די אלע וואס האבן שפעקולירט פיר יאר צוריק צי עס הייסט יא געלערענט אדער נישט, וואס האבן זיי אויפגעטון אין די לעצטע פיר יאר? דערפאר דארפן מיר פאלגן דעם הייליגן רבי'ן און נישט קוקן אויף קיינעם נאר זיך אייננהאנדלען א שיינע גמרא ירושלמי ברכות און אין פיר יאר ארום, ווי גרויס וועט זיין די שמחה ווען מען וועט זוכה זיין צו ענדיגן צוזאמען מיט אנשי שלומינו דעם גאנצן ירושלמי.

**והאור זה תלמוד ירושלמי דנהיר נהורא דאורייתא (זוהר)**

בס״ד

# FIGHT IT RIGHT

## האט איר באקומען א טיקעט?

## יא!

## איר קענט זיין רוהיג!!!

מיר וועלן אייך פייטען אלע אייערע טיקעט'ס סיי ווי אין גאנץ ניו יארק.




רופט שוין
אייער פריינד: שלמי שטראה

Solomon Stroh, Paralegal
Weisners Law offices & Assoc. Pllc
**646.642.1457**

{ יארן עקספיריענס }
{ בעסטע סערוויס }



# "מעשיות פון תפילה"

## בנציון יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

פאריגע וואך האב איך פארלוירן א גרויסע סומע געלט וואס איך האב געדארפט האבן זייער וויכטיג, איך האב עס געזוכט איבעראל אבער איך האב עס נישט געקענט טרעפן, איך האב עס געזוכט אין מיין גאנצע הויז, איך האב איבערגעדרייט מיין קאר, איך האב געקוקט אין שול, אין מיין רעקל, אין מיין קאוט, איבעראל ווי ס'איז מעגליך אז איך זאל עס איבערלאזן האב איך געזוכט, אבער כ'האב עס נישט געקענט טרעפן.

איך האב אנגעהויבן זייער שטארק צו בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן, איך האב אפילו צוגעזאגט פארן אייבערשטן אז אויב איך טרעף עס וועל איך פארשפרייטן די מעשה פון תפילה, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב מיך פלוצלינג דערמאנט וואו איך האב עס געלייגט, איך האב געקוקט אויף יענע פלאץ און איך האב עס געטראפן.

שכח אייבערשטער!

## אלי' זעלקאוויטש - קרית ברסלב:

איך האב אריינגעגעבן מיין קאר צו מאכן אן אויל טשעינדז"ש, צוויי טעג נאך איך האב אויפגעפיקט די קאר זעה איך ווי די קאר הייבט אן מאכן קונצן, ס'האט אנגעהויבן מאכן א גערודער, ס'איז ארויף געקומען סימנים אז מ'דארף עפעס פארעכטן, איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל אוועק גיין, איך בין געפארן נאך צוויי מייל, און אינמיטן פארן האט זיך די קאר אויסגעלאשן פון איין מינוט אויפן צווייטן, איך האב נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, איך האב געטראכט אז אפשר האט עס עפעס צו טון מיט די אויל טשעינדז"ש, נאכדעם האב איך געזען אז דארט וואו איך בין געווען געפארקט האט ארויסגערינען די גאנצע אויל פון די קאר, איך רוף אן דער מעכאניקער און איך דערצייל אים וואס דא גייט פאר, זאגט ער מיר אז ער גייט זען וואס מ'קען טון.

איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן עס פארעכטן ווי שנעלער אנדעם וואס איך זאל דארפן באצאלן פאר דעם, און ברוך השם אז ער האט מסכים געווען עס צו קומען אפנעמען. נאכן עס באקוקן האבן זיי געזען אז די מאטאר איז שוין טויט, ס'ארבעט שוין נישט ווייל ס'האט נישט געהאט קיין אויל, און ברוך השם נאך גאר אסאך תפילות האבן זיי עס פארראכטן אנדעם וואס איך זאל דארפן באצאלן פאר דעם.

אגב, א גרויסן שכח פאר די הערליכע קרית ברסלב בלעטל, איך בין זיך מחי' דערמיט יעדע וואך עקסטער.

## יוסי ברילל - וויליאמסבורג:

איך האב פארלוירן די טשארדזשע"ר פון די קעמרע ביי מיר אינדערהיים, די גאנצע משפחה האט עס געזוכט אפאר וואכן אבער מ'האט עס נישט געקענט טרעפן, מ'האט שוין געזוכט איבעראל וואו ס'איז מעגליך עס צו פארלירן אבער אן ערפאלג, האבן אונז געטראכט אז אויב מ'טרעפט עס גייט מען איבערלאזן די מעשה פון תפילה פאר די קרית ברסלב בלעטל, גייט נישט אדורך קיין צוויי מינוט און מ'האט עס געטראפן אין א לעדל וואס מ'האט עס שוין געזוכט דארט אן א שיעור מאל...

## יואל משה מייזעלס - וויליאמסבורג:

איך בין געפארן קיין מאנסי אויף שבת, עס איז נאך געווען אפאר שעה פארן זמן, איך לאז מיר ארויס און אלעס פארט פיין, אינמיטן וועג איז געווארן מער און מער טרעפיק, איך האב אנגעהויבן טראכטן וואס איך גיי דא טוהן, ווייל עס איז ערב שבת, די ערשטע זאך האב איך גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן די טרעפיק זאל זיך אויפלעזן, אזוי נאכן בעטן בערך צוויי מינוט האט זיך ברוך השם די טרעפיק אויפגעלעזט און איך האב געקענט אנקומען געגוג פרי' פאר שבת.

שכח אייבערשטער!

<<<<

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פּוּץ נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער, טְרַאכְט נִישְׁט אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער מֶעגְן גֵיין אַזוֹי, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט; וַוייל וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אִים וֶוען עֶר אִיז יוּנְג אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דַיין זוּן מַאכְט אָפּ אַלְס בָּחוּר אַז עֶר טוּט אוֹיס זַיינֶע חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי וִוי דוּ פּוּצְט אִים אוֹיס יֶעצְט אַלְס קִינְד? וָואלְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וֶוען עֶר אִיז יוּנְג טוּסְטוּ אִים אָן אַזוֹי?!

בְּרֶענְג אוֹיף דִי קִינְדֶער עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ אִידִישְׁקֵייט, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן נָאךְ מֶער דִי מֵיידְלֶעךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): "**יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט זוּן, "**וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת**", אוּן דִיר אָפְּהִיטְן דַיינֶע טֶעכְטֶער, "שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה", מִיט טֶעכְטֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמִירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען טוּט אָן קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט; דִי גַאנְצֶע מֹחַ פוּן טַאטֶע מַאמֶע גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן.

אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין תַּקָּנוֹת אִין חֶדֶר, **אֵיין תַּקָּנָה אִיז דָא: "שֵׂכֶל"**, עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם. אִיךְ פַאר מִיר קוּק אוֹיף קִינְדֶער אוּן עֶס פַארְעֶקְלְט מִיר, זֶעעֶנְדִיג אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, אַ זוֹיבֶּערְקֵייט - אָנְגֶעטוּן אוּמְאֵיידְל, פַארְקֶערְט וָואס דָאס קִינְד אִיז.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, זָאגְנְדִיג דֶערְבֵּיי: "**זֶעסְט, דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער"; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א



## סְעוּדוֹת שַׁבָּת

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא): "אִם הָיוּ מַנִּיחִין מֵת לָעוֹלָם הַזֶּה לְהִתְפַּלֵּל בְּוַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל יָפֶה יָפֶה בְּכָל כֹּחוֹ", וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר אַ נִפְטָר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן קֵבֶר דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַאוֶוענְט זֵייעֶרֶע שֵׁיין, עֶר וָואלְט וֶוען גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ׳ן גַאנְצְן כֹּחַ; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ: **'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ נִפְטָר, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, מֶען הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַהֵיים צוּ קוּמֶען פוּן בֵּית הַחַיִּים פַאר אֵיין סְעוּדָה'** - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אוּן קָאמַאנְדֶעוֶועט, עֶר וָואלְט וֶוען שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זַיין וַוייבּ; אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, אַז נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער זָאגְן: **'טַאטֶע, קֶענְסְט צוּרִיק גֵיין אִין קֵבֶר, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין קוֹלוֹת אוּן קַיין פֶּעטְשׁ'.**

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אִין שׁוּל רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים פָּאלִיטִיק - גֵיי אַהֵיים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן דִי סְעוּדָה. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען קוּמֶען מַלְאָכִים אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיזְן שְׁטוּבּ (שַׁבָּת קיט:), עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כָּבוֹד צוּ לָאזְן דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוּעֶסְן, מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳עֶנְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רעא, סְעִיף א): "**כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיָּד**", מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶעלֶעךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פָּאלִיטִיק, גֵיי אַהֵיים אוּן שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.



# א מעשה
## פון א צדיק

### שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי

עֶס װֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אָשֶׁר מִרָאפְּשִׁיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל הוֹשַׁעֲנָא רַבָּא זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט: "הוֹשַׁע נָא אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא!, הוֹשַׁע נָא בִּלְתֶּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא!, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט אַזוֹי פִּיל מָאל אַז אִיךְ װֶועל שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּיסְטוּ אַן אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דוּ אַלֵיין! בִּלְתְּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן!", אוּן עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט.

זֶעט מֶען אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אֱמֶת'דִיג דָבוּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיכֶעט בַּאנוּצְט מִיט דִי עֵצָה.

אוּן אַזוֹי װֶוערְט דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער וִוי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, אַלְץ מֶער הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת, אוּן הָאט גֶעוֵויינְט פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִוי קֶען מֶען זַיין אַ אִיד? וִוי װֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", בִּיז אֵיינְמָאל הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל, "רֶבִּי, אִיר הָאט דָאךְ מְגַלֶה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע גִילוּיִים, פַארְוָואס זָאגְט אִיר, 'וִוי קֶען מֶען זַיין אַ אִיד? וִוי אַזוֹי װֶוערְט מֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?'" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעוִויסְט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת? אַז אִיךְ זֶע דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן, אִיז מִן הַסְתַּם דָא נָאךְ הֶעכֶערְס אוּן נָאךְ הֶעכֶערְס".

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוֹת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֵב נִשְׁבָּר, אוּן גֶעבֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְט אַז זַיין לֶעכְט זָאל לַייכְטְן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז "מֵיין פַייעֶרְל װֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן בִּיז מָשִׁיחַ װֶועט קוּמֶען".

אוּן מֶען זֶעט אַז דָבָר אֶחָד מִדְבָרָיו לֹא שָׁב רֵיקָם, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אוֹר װֶוערְט צֶעשְׂפְּרֵייט אוֹיף דֶער װֶועלְט, אִידְן װֶוערְן מְקוּרָב צוּ זַיין דַעַת, צוּ זַיין טִיפְן לִימוּד, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת, אוּן טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

(אשר בנחל אידיש מכתב קנ"ו)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ח -

**פארזעצונג פון פריער:** אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט, וָואס דָאס הָאט אִים זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען און אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה וְוִי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַייעֶנְדִיג בְּלוֹיז פִינְף יָאר אַלְט.

***

אִין יָאר תקל״ח, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַלְט גֶעוָוארְן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וִויל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן זַיין תַּאֲוַת אֲכִילָה, אַזוֹי וְוִי עֶר אִיז אָבֶּער נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר קֶען פְּרוּבִּירְן צוּ עֶסְן וֵויינִיגֶער פוּן וִויפִיל עֶר אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט גֶעוֶועזְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט נִישְׁט צֶעקֵייעֶן דָאס עֶסְן, נָאר עֶר וֶועט עֶס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען גַאנְצֶערְהֵייט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן קֵיין טַעַם אִינֶעם עֶסְן. און אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, און זַיין הַאלְז אִיז דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן גֶעשְׁוָואלְן דֶערְפוּן.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר אָבֶּער זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁרַייעֶן און זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת און תֵּירוּצִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים הֶעלְפְן און אִים מְקַרֵב זַיין צוּ זִיךְ. מִיט דֶעם הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אַלֶע זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוֹיפְ'ן בּוֹידֶעם פוּן זַיין הוֹיז, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ קַאמֶער וואוּ מְ'פְלֶעגְט הַאלְטְן שְׁטְרוֹי, און דָארְט הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן און גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, און עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוּ עֶר פְלֶעגְט נָאר טְרֶעפְן אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֶעפוּנֶען זִיךְ נִישְׁט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ דָארְט אַוֶועקְזֶעצְן און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, וְוִי מְ'רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, און בֶּעטְן און שְׁרֵייעֶן אַז עֶר וִויל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

כָּאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן און אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג און יָארְן וָואס עֶר רֶעדְט שׁוֹין און שְׁרֵייט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי סַאךְ, און עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר וֶוערְט גָאר דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אַלֶעמָאל גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן מִיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת און בַּקָשׁוֹת.


א ברסלב'ער חסיד רעדט צום אייבערשטן צווישן די גראז און ביימער

עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן צוּמָאל אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַפָּאר טֶעג, וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים סֵיי וְוִי נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר טוּט דָא, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר קֶען טְרַאכְטְן אַזַא זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, עֶר הֶערְט אִים זִיכֶער אוֹיס, און עֶר טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ ווִידֶער גֶעשְׁטַארְקְט און וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַסַאךְ מָאל, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּפַאלְן און אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תְּפִלּוֹת און בַּקָשׁוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע אוֹיבּ אַ פְּרוֹי מֶעג גֵיין הֲפָצָה; **אַוַדַאי קֶענֶען פְּרוֹיעֶן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה**, נִישְׁט נָאר מֶען קֶען - עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער דֶען דַארְף חִיזוּק אוֹיבּ נִישְׁט אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן - וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי לַיידְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן אוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם פַאר פְּרוֹיעֶן צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, **אָבֶער אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר פַאר פְּרוֹיעֶן**, נִישְׁט פַאר מֶענֶער אָדֶער בָּחוּרִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ד): "**אַבְרָהָם הָיָה מְגַיֵּר אֶת הָאֲנָשִׁים**" אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַייֵר גֶעוֶוען מֶענֶער, "**וְשָׂרָה מְגַיֶּרֶת אֶת הַנָּשִׁים**" אוּן שָׂרָה הָאט מְגַייֵר גֶעוֶוען פְּרוֹיעֶן; **יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק אִין זַיין פְּלַאץ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## א מעשה פון הפצה

אהרן קרויס פון ירושלים דערציילט:

איך ארבעט אין איינע פון די גרויסע ספרים געשעפטן אין מאה שערים, איין טאג קומט אריין א מפיץ אין געשעפט, ווען ער האט מיך געטראפן האט ער מיך געבעטן אויב איך וויל נעמען פון אים אפאר ספרים און עס פארקויפן אין געשעפט, איך האב געטראכט צו מיר 'אין אדם שומע לי ומפסיד', איך האב עס גענומען פון אים און באצאלט דעם גאנצן סכום וואס ער האט געדארפט פאר די ספרים.

נאך יענעם טאג טרעפט מיר א איד און זאגט מיר אז פינף יאר צוריק האב איך אים געטון עפעס א טובה און ער וויל מיר באצאלן דערפאר, און ער געבט מיר הונדערט שקל - דאס איז געווען פונקט די סכום וואס איך האב אויסגעלייגט פאר די ספרים...

שכח אייבערשטער אז איך קען זיצן אין געשעפט מאכן פרנסה, און אין די זעלבע צייט גיין הפצה, פארשפרייטן דעם רבינ'ס לעכטיגע עצות פאר נאך אידן.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקנו!

שיקט אריין אייער מעשה צו 845-379-1161



צו באקומען די וועכנטליכע גליונות פון היכל הקודש אפגעשיקט צו אייער טיר
קאלל, טעקסט, טעלעפאון מעסעזשינג: 718.387.2691
email:subscribe@kerenhadfusa.org

# ניַיעס פון קרן הדפסה

## סורפרייז באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין בית הדפוס

פארגאנגענעם דאנערשטאג ויררא האט דער ראש ישיבה געמאכט א סופרייז באזוך אינעם קרן הדפסה, דער ראש ישיבה האט געשעפט פרישע חיות פון זען און באטראכטן די ארבעט פון דרוקן די ספרים און קונטרסים וואס גייט אן מיטן גאנצן שטארקייט, מען שטעלט זיך נישט אפ קיין איין טאג פון דרוקן, און מען גרייט שוין צו די קונטרסים פאר יום טוב חנוכה, און פורים, און אפילו אויך שוין פאר חנוכה, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט באטראכט יעדן קונטרס עקסטער, למשל דעם פרישן ספר "יקיר איש" חידושים אויף מסכת תענית, אזוי אויך די אידישע און ענגלישע קונטרסים וואס מען האט פריש איבערגעדרוקט, אזוי אויך האט ער באטראכט וויאזוי עס ווערט געדרוקט USB'S פון די דרשות אין ישיבה.

אזוי אויך האט ער הנאה געהאט צו טרעפן דארט א חשובער אינגערמאן פון שטעטל וואס איז געקומען צוהעלפן דרוקן די קונטרסים, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט ארבעטן, דער ראש ישיבה האט דאס זייער באוואונדערט.

פון גרויס שמחה האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט דארט אין א טאנץ מיט די ארבעטערס אין בית הדפוס "אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו".

# בילדער פון קרן הדפסה


דער ראש ישיבה באזוכא אין בית הדפוס - ה' ויררא


ביים באטראכטן די קונטרסים וואס איז נארוואס ארויס פון דרוק


מנהל המוסד מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א באזוכט אין בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| אברהם ברוין<br>מאנסי | מרדכי לייב טירנויער<br>קרית יואל | אשר לעווי<br>דזשערזי סיטי |
| מרדכי אהרן היילפרין<br>קרית ברסלב | יואל מאשקאוויטש<br>קרית טאהש | מנחם שטיינבערג<br>קרית ברסלב |
| ישראל אשר ווייס<br>קרית יואל | יוסף מערמלשטיין<br>קרית ברסלב | חיים דוד ראזענבערג<br>מאנסי |
| לוי יצחק זאפני<br>בארא פארק | יחזקאל שרגא קרויס<br>בארא פארק | אברהם אלי פרידריך<br>וויליאמסבורג |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

Phone MSG: 347.578.4449



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת פרשת נח אינדערפרי - תשפ"ג

**א חשובער בחור תלמיד הישיבה דערציילט:** שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו עסן די סעודה ביי דער ראש ישיבה שבת פרשת נח, איך וועל מיטטיילן מיט די ליינער פון די קרית ברסלב בלעטל אביסל וואס איך געדענק.

### גוט שבת גוט שבת!

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען און אויסגערופן "גוט שבת גוט שבת" גאר פרייליך.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן פאר זיין ווייב, "א שאד דו ביסט נישט געווען אין שול צו זען ווי שיין זיי האבן געדאווענט, נעקסטע וואך זאלסטו קומען אין שול קוקן ווי שיין זיי דאווענען".

### ביי ענק טוט מען אויך אזוי?

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש, נאך קידוש האט דער ראש ישיבה אראפגענומען די חלה דעקל, און דער ראש ישיבה פרעגט מיך: "ביי ענק טוט מען אויך אזוי?" האב איך געענטפערט אז נישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ביי ענק אינדערהיים מיין איך נישט ביי דיין טאטע אינדערהיים, ביי ענק אינדערהיים מיין איך ביי ענק אינדערהיים - ביי **דיר** און דיין ווייב נאך די חתונה!"

נאכן זיך וואשן האט מען אריינגעברענגט די פיש, און איינע פון די קינדער האבן געזאגט אז ער דארף נישט קיין פיש ווייל ער האט עס נישט ליב, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מאמי, אונז ווערן נישט באליידיגט ווען א קינד האט נישט ליב אונזער פיש", דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: "ביי אונז לייגט מען נישט קיין צוקער אין די פיש, ביי אונז לייגט מען צוקער אין קעיק אדער אין אייס קריעם"...

ווען מ'איז א גאסט ביי יענעמס אינדערהיים דארף מען זיך אויפפירן מיט דרך ארץ, מען קען זיך נישט אויפפירן אזוי ווי אין ישיבה.

ביי די סעודה האט איינע פון די בחורים געשמועסט זייער הויך, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "ווען מ'איז א גאסט ביי יענעמס אינדערהיים דארף מען זיך אויפפירן מיט דרך ארץ, מען קען זיך נישט אויפפירן אזוי ווי אין ישיבה".

### טראכטן פונעם אייבערשטנ'ס נאמען

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיינע קינדער אז דער רבי פלעגט אלץ טראכטן פון דעם אייבערשטנ'ס נאמען - די שם הוי"ה, און ס'איז נישט שווער עס נאכצוטון. דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "משל דיך אויס אין דיין קאפ למשל טאטי זיצט דא, דו קענסט זען טאטי אין דיין קאפ? די זעלבע זאך איז ווען מ'טראכט פונעם אייבערשטן, אין יעדע זאך קען מען אריינלייגן דעם שם הוי"ה, למשל ווען דו זעסט א פייגל קענסט טראכטן פון די שם הוי"ה, די קאפ איז די י', די צוויי פליגלען זענען די צוויי ה', און די גוף איז די ו', אדער ביים געבן צדקה קען מען אויך זען דעם אייבערשטנ'ס נאמען, די צוויי הענט איז די צוויי ה', די פושקע איז די ו', און די פרוטה איז די י'".

<<<<

## דאלי איך דארף א שידוך!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די זאך פון אפשניידן די נאז פון די דאלי איז א בפירוש'ע הלכה, מ'טאר נישט האבן א גאנצע צורה פון א פנים, "רוב מענטשן נעמען אראפ א קליין שטיקל פון די אויגן, ווייל מ'האט מורא אז די קינד גייט אנהייבן וויינען, אבער איך נעם דווקא אראפ די נאז".

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה פון אברהם און תרח מיט די געטשקעס און געזאגט: "אלע באבעס זענען געקומען צו די געטשקעס און געבעטן אלעס פון די געטשקעס, "דאלי, איך דארף א הויז, דאלי, איך דארף א שידוך", דער ראש ישיבה האט געגעבן א שיס די דאלי, "די דאלי קען נישט העלפן, די דאלי איז א דאלי!" דער ראש ישיבה האט אריינגעהאקט די דאליס קאפ אין די וואנט, "נאר דער אייבערשטער קען העלפן". דער ראש ישיבה האט אזוי שיין אריינגעלייגט אמונה אין די קינדער.

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה פון אברהם און תרח מיט די געטשקעס און געזאגט: "אלע באבעס זענען געקומען צו די געטשקעס און געבעטן אלעס פון די געטשקעס, "דאלי, איך דארף א הויז, דאלי, איך דארף א שידוך".

איך האב מיר אזוי אינטערגעלאכט, און דער ראש ישיבה פרעגט מיר פארוואס איך לאך, האב איך געענטפערט אז איך בין פריילעך אז איך קען עסן די סעודה ביי דער ראש ישיבה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אבער ס'איז בעסער געווען ווען דו האסט געלערנט אין אן אנדערע ישיבה, ווייל דעמאלסט האסטו דיך נאך געבענקט נאך דער ראש ישיבה, נאך די שיעורים"...

### קודם דארף מען טאנצן

ביים סוף האט מען אריינגעברענגט די אייסעס, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז קודם דארף מען טאנצן, דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן טאנצן זייער פריילעך, דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט די אייסעס אין זיין שטריימל, ס'איז געווען מורא'דיג פריילעך.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט "ווער וועט בענטשן?", און דער ראש ישיבה האט מכבד געווען המפיץ מרדכי לייב נרו יאיר זאל בענטשן.

### פריילעכע סעודות

ביים סוף סעודה האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "שכח אייבערשטער אז איך האב נישט געהיסט דעם גאנצן סעודה, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט היסן און ברוך השם איך האב נישט געהיסט".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: מען דארף זען צו מאכן פריילעכע סעודות, אינצווישן לייגט מען אריין אמונה און אלע גוטע זאכן וואס מען וויל אויסלערנען, אבער דער עיקר דארף מען זען עס זאל זיין א פריילעכע סעודה.

### אראפפאקן פון טיש

דער ראש ישיבה האט געהייסן די בחורים זאלן אראפפאקן פון טיש, איך האב באמערקט אז דער ראש ישיבה טוט עס מיט א מורא'דיגע חכמה, ס'זאל אויסקוקן ווי ס'איז ממש גארנישט, דו טראג דאס אריין, און דו פאק יענץ אוועק, און די גאנצע טיש איז אויפגערוימט.

אינמיטן האב איך אראפגענומען די זאלץ, און דער ראש ישיבה האט מיך געזאגט: "די זאלץ לאזט מען אויפן טיש, ביי ענק טוט מען נישט אזוי?" און איך האב מיך אנגערופן אז ביי אונז טוט מען אויך אזוי, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אה, ער האט זיך שוין אויסגעלערנט וויאזוי מ'דארף ענטפערן"...

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה, און אז איך האב זוכה געווען איבערצוגעבן די דעטאלן פון די סעודה פאר אנדערע זאלן אויך הנאה האבן און ארויסנעמען שיינע זאכן וויאזוי זיך צו פירן.

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### הערשל שניצלער - קרית ברסלב:

דער ראש ישיבה האט געזאגט "מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך אין די תורה פרשת נח, די פסוק הייבט זיך אן 'אלה תולדות נח, נח איש צדיק, תמים, את האלקים התהלך נח, פיל מיט טיטלען אויף נח

ווען מען קוקט ביי די נעקסטע פרשה פון אברהם אבינו שטייט פשוט און גראד, ויאמר אל אברם לך לך מארצך וכו', אן קיין טיטלען, פארוואס?

האבן די פריערדיגע צדיקים געזאגט אויף דעם: נח איז נישט געווען קיין איד, במילא, דארף מען שרייבן טיטלען אהער אהין 'תמים' 'את האלוקים וכו', אברהם אבינו איז דאך דער ערשטער איד, דו ווילסט וויסן די תואר פון א איד? דו ווילסט וויסן די העכסטע זאך פון א איד? "דער אייבערשטער זאגט אים 'גיי' און ער גייט".

דער אייבערשטער זאגט פאר א איד טו אן תפילין און ער טוט אן. ער מאכט נישט קיין חשבונות און קיין חקירות. דער אייבערשטער זאגט פאר א איד היט שבת און ער היט. דאס איז די גרעסטע טיטל אויף א איד. ער טוט וואס דער אייבערשטער הייסט.

### דוד אסקאל - געבט איבער גאר א שטארק ווארט:

דער רבי זאגט "די וועלט איז ווי א שמאלע בריקל, און דער עיקר איז אז מען זאל נישט מורא האבן", לכאורה וואלט מען געדארפט זאגן דער עיקר איז אכטונג געבן נישט אראפצופאלן, נאר דער רבי לערנט אונז מיט די מימרא אז אראפפאלן איז נישט אזא ערנסטע קאטאסטראפע ווי מורא האבן, ווען א מענטש פאלט אראפ פון א בריק קען ער זיך אויפהייבן ער קען עס איבערלעבן, אבער די מורא וואס דער יצר הרע שרעקט אן א מענטש דו גייסט אראפפאלן דאס הרג'עט א מענטש אינגאנצן, וועגן דעם זאגט דער רבי והעיקר שלא לפחד כלל.

### ברוך נוסבוים - בני ברק געבט איבער:

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז אז עבודת השם איז "נישט" פליען אין הימל נאר דייקא זיין דא מיטביידע פיס אויף דער ערד מיט די ווייב מיט די קינדער, דער גרעסטער עבודת ה' איז ווען ס'קומט צוזאמען מיט שלום בית, דייקא איינער וואס העלפט אינדערהיים דער איז א אמת'ע עובד השם, מיט'ן זיין א נארמאלע טאטע פאר די קינדער, און א געטרייע מאן מיט זיין ווייב דאס מאכט אים ארויפגיין העכער בדרך העולה בית ק-ל. איך האב געזען א הייליג ווארט פונעם ליובאוויטשער רבי זי"ע ער טייטשט עס שיין אריין אין די משנה, "עלה בכבש" ווען די גייסט ארויף בכבש די האסט אן עליה אין עבודת ה', איז דאס זייער גוט, אבער געב אכטונג, "ופנה לסובב" קוק דיך ארום און ארום וואס טוט זיך מיט דיין ארומיגע מיט דיין ווייב און קינדער, לאז זיי נישט אליין, כאפ נישט מלאכים אויף יענעמ'ס חשבון, און אוודאי העלף אויכט אנדערע ארויף גיין.

נאך א א שטארקע געדאנק געבט ר' ברוך איבער, עס איז ענדליך צום פריערדיגע ווארט אבער אביסל אויף אן אנדערע פארנעם, האב איך א מאל געהערט פון א גוטער איד, פארוואס ביי ברכת החודש איז דא איין תפילה וואס מען בעט דאפעלט, מען בעט ותתן לנו חיים ארוכים, חיים של יראת שמים ויראת חטא, און שפעטער נאך אמאל חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים, האסט דאך שוין פארדעם געבעטן אויף יראת שמים?

האט ער געענטפערט, אז אמאל א מענטש וואס זעט אז ער פארשפעטיגט זיין טאג ער דארף גיין לערנען, אבער וואס זאל ער טון אז ער האלט נאך פארן דאווענען, אדער ער דארף בענטשן ברכת המזון, קען זיין אז ער וועט געבן א כאפ דאס דאווענען אדער דאס בענטשן וכדו', ער געבט א צושנייד דער דאווענען פון אלע זייטן, כדי ער זאל אניאגן קומען לערנען, [נישט חלילה וחס מקטרג זיין אויף אידישע קינדער, נאר לשבר את האוזן], אז איין זאך קומט אויפן חשבון פון א צווייטע זאך, איז אין הכי נמי, מען בעט אויף אהבת תורה, אבער מען דארף נאך אמאל עקסטער בעטן אפילו מען האט שוין געבעטן איין מאל, דארף מען איבער בעטן יראת שמים, זאלסט דאווענען ווי א איד, זאלסט האבן יראת שמים, זאלסט באקומען דער שכל וויסן וואס וויל פון דיר דער אייבישטער זאלסט יעצט טוהן, וכן כל מיני זאכן אויב א טאטע בעט דעם קינד זאל אים העלפן, און דער קינד דרייט זיך ארויס בטענה אז ער דארף יעצט לערנען, זאלסט האבן אהבת תורה, אבער זאלסט האבן אויכעט יראת שמים, וויסן וואס איז יעצט רצון ה' צו טוהן.

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב

### דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

מודעה חשובה פאר אנשי שלומינו שיחיו
מכון עצתו אמונה זוכט אויפצונעמען
מגיהים, שרייבערס און טייפערס לזיכוי
הרבים, וואלענטיר ארבעט, צו העלפן
פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף די
וועלט.
אויב האט איר א געפיל צו דער סארט
ארבעט און טוט אין דעם, ביטע שיקט
אייער אינפארמאציע
און א דוגמא פון אן ארבעט וואס איר האט
שוין געמאכט, צום אימעיל אדרעסס
menahelmae@gmail.com

---


KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע וויטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com







---

Lilac Electrolysis located in Monticello all year round.
For appointment or info call faigy
845-422-5783

---

א דירה אין שטעטל צו
פארדינגען פאר א שבת אדער
פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית
המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה
שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

# קלאסיפיידס


## KB Seamstress

**Professional Finish Best Prices**

*Have your job done in 1 week*

*Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price*

*All prices are given after job is done*

*Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know*

*For your convenience we sell basic sewing supplies and accessories for school and home use*

Fabric scissors, small scissors, pins, hand needles, tape measure, triangle chalk, bobbins, permanent marker, clear measure stick, seam ripper, tracing paper, tracing wheel, magnet tray, basic colors thread, zippers, shirt buttons, bekisha buttons, hook & eyes, snaps, rubber; clear shoe box containers.

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083



SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

**10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.**

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line **845-206-9114** your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager **845-720-0847**

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!



**איר ווילט אוודאי האבן א חלק אין הפצה, צושפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.**

**איר קענט אויך האבן א חלק אין דעם דורך דעם וואס איר העלפט אונז ארויס צושפרייטן די גליונות אין אלע היימישע געגענטער.**

**די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**

**917-474-6118**

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

# פרייליכע נייעס!




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250



# קינדער אַפּטײלונג

## אָפּגעהיטענע אויגן

קינדער, ווער וויל הערן אַ מַעֲשֶׂה ווי שטאַרק מען דאַרף זיך היטן די אויגן?

"מיר מוזן זען ער זאָל גיין אַרבעטן, עס איז נישט קיין תַּכְלִית ער זאָל זיצן אין לערנען" - אַזוי האָבן די מִשְׁפָּחָה פון רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ געזאָגט.

רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ איז געווען אַ ברעסלעב'ער חָסִיד; ער האָט געוואוינט אין אומַאן, טאָג און נאַכט האָט ער געלערנט. זיין שווער האָט אים גע'רוֹדְפְ'ט ער זאָל גיין אַרבעטן, אָבער רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ איז געזיצן אין שול און געלערנט.

איין טאָג זאָגט דער שווער פאַר זיין איידעם מַתִּתְיָהוּ: "איך האָב דיר געקויפט אַ געשעפט פון עסן, דו דאַרפסט אָנהייבן אַרבעטן אין געשעפט ברענגען פַּרְנָסָה"; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ האָט נישט געהאַט קיין בְּרֵירָה, איז ער געגאַנגען אין געשעפט. ער האָט שטילערהייט מיט גענומען אַ גְּמָרָא ער זאָל קענען לערנען אין געשעפט; יעדעס מאָל אַ מענטש איז אַריינגעקומען עפעס קויפן האָט ער פאַרמאַכט די גְּמָרָא און ווען דער מענטש איז אַרויס האָט ער ווייטער גענומען די גְּמָרָא און געלערנט מיט אַ זיסע קול.

יעדעס מאָל עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי אין געשעפט האָט זיך רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ אויסגעדרייט זיין פָּנִים צום וואַנט און נישט געוואָלט קוקן, ער האָט געזאָגט: "נעמט אייך וואָס איר ווילט און לייגט אַראָפּ די געלט אויפ'ן טיש"; ער האָט נישט אויסגעדריידט זיין פָּנִים ווילאַנג ער האָט געהערט אַז די פרוי איז נאָך אין געשעפט.

איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט אַז אַ פרוי איז אין געשעפט, האָט ער זיך אויסגעדרייט זיין פָּנִים; ער האָט נישט געוואָלט קוקן אויף אַ פרעמדע פרוי. ער שטייט און וואַרט אַז די פרוי זאָל שוין ענדיגן איינקויפן און אַרויסגיין, ער וואַרט און וואַרט, ער הערט גערודער, ער הערט אַ קול ווי איינער זוכט און באַברעט, אָבער קיינער רעדט נישט און קיינער קויפט גאָרנישט איין. ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסדרייען כְּדַאי נישט נִכְשָׁל ווערן אין אַ שלעכטע קוק, פּלוצלונג קומט אַריין זיין ווייב און גיבט אַ שריי: "מַ תִּ תְ יָ הוּ ... וואָס איז מיט דיר ???!!!"

קינדער, איר ווייסט וואָס האָט פּאַסירט? רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ האָט געמיינט אַז אַ פרוי איז אַריינגעקומען, אָבער עס איז נישט געווען אַ מענטש, אַ ציג איז אַריינגעקומען אין געשעפט און אָנגעהויבן עסן פון די געשמאַקע עסן אָן דעם וואָס מען זאָל איר שטערן; רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ איז אויסגעדרייט צום וואַנט און דער ציג עסט און עסט...



דער ציג עסט מיט גרויס אַפּעטיט

דעמאָלט האָט רֶבִּי מַתִּתְיָהוּ'ס ווייב און איר טאַטע - זיין שווער - ערשט געזען אַז דער איד איז נישט געמאַכט צו שטיין אין אַ געשעפט, זיי האָבן געזען אַז ער איז אַן ערליכע איד און זיי האָבן אים געלאָזט זיצן אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לערנען פלייסיג.

טייערע קינדער, אַז מיר ווילן זיך היטן די אויגן, מיר ווילן נישט קוקן אויף פרעמדע פרויען, מיר ווילן גיין אין גאַס אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיר ווילן נאָר קוקן אין די הייליגע חוּמָשׁ, גְּמָרָא און מִשְׁנַיּוֹת - ווילן מיר זיין גרויסע צַדִּיקִים.

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

**רבקה וועבערמאן תחי' פון קרית ברסלב פארציילט:**
אונזער בעבי חיים נרו יאיר איז געווארן עלטער אבער ער האט נאכנישט אנגעהויבן צו וואקן.




געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן

# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** רבקה וועבערמאן תחי' – קרית ברסלב

**נאך:** מיין באבע רבקה פראגער עלי' השלום

## אביסל איבער איר

די באבע איז געווען א טאכטער פון רבי י-הודה ליכטנשטיין זי"ע בעטלאהנער רב, איר מאן האט געהייסן רבי שלמה ברוך פראגער זי"ע פעטרעוועסעלאוי רב.

די באבע האט זיך גאר שטארק אוועק געגעבן פאר אנדערע, איינמאל איז זי געפארן א ווייטע וועג מיט א קראנקע אידענע צו א געוויסע דאקטער, און פארברענגט דארט אפאר וואכן, ווען זי איז צוריק געקומען נאך דעם לאנגן וועג, האט אריינגעקלאפט א איד און געבעטן צו עסן, די באבע האט אים צוגעשטעלט מיט'ן גאנצן הארץ אלעס וואס ער האט געדארפט, ער האט אגאנצן צייט געוואלט עפעס אנדערש, ווי למשל די האנטוך איז זייער נאס ברענג מיר א אנדערע, און אזוי ווייטער, און זי האט אלעס געגעבן מיט א רואיגקייט.

ווען דער איד איז אהיימגעגאנגען האט ער זיך געשטעלט ביים מזוזה און אנגעוואונטשן גאר שיינע ברכות פאר די באבע, גלייך נאכדעם איז איר מאן אהיימגעקומען און די באבע האט געפרעגט אויב ער האט באגעגענט דעם איד, האט ער געזאגט ער האט קיינעם נישט געטראפן, מען האט געשמועסט אז דאס איז געווען אלי-הו הנביא וואס האט איר געוואונטשן גוטע ברכות אין זכות פון די אלע חסד וואס זי האט געטוהן מיט אנדערע אידן.

איך האף צו גיין אין אירע וועגן און וואקסן א גרויסע צדיקת מיט גיטע מדות.




**אויפן בילד:** "די טאוול פון די שטאט פעטרעוזעסעלאוי' ראמעניא"

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

**דאס שיינקייט פון לעבן מיט'ן אייבערשטן, ווען מען ווייסט אז דער אייבישטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין**



| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ב | י | ב | ד | ז | ע | ר | מ | ע | א | ח | י | נ | ר | ג | א | ח | ס | ע | ס | כ | ק |
| ד | י | ר | מ | ר | נ | ו | ד | מ | א | י | ז | א | ד | א | י | פ | ע | ס | ג | ת | נ | ע |
| ע | ח | כ | ז | נ | ג | נ | ו | ו | נ | א | י | י | ב | י | ש | ט | ע | ר | ז | ש | י | ל |
| ר | ל | נ | פ | ד | ס | צ | ר | י | י | ו | ז | ג | ו | ש | ב | מ | ש | ר | ק | מ | כ | ר |
| ט | ב | מ | ר | ר | ה | ג | ע | י | ו | ג | פ | י | ט | צ | ר | ר | ל | ב | ת | ל | ש | ה |
| נ | ג | ט | י | י | פ | ט | ב | ע | נ | ס | ת | ד | פ | ש | צ | ש | ב | ה | צ | כ | ט | ב |
| ל | ה | י | נ | נ | ט | ע | נ | ט | ו | ר | ל | ס | פ | נ | ט | ש | צ | ס | ז | ל | ב | מ |
| כ | ח | ר | ל | ד | ר | ל | י | א | ו | ר | י | א | ל | נ | ל | י | י | ק | ב | ו | מ | ה |
| ג | ע | ס | ש | ש | מ | מ | י | ת | י | ש | י | י | נ | ק | י | י | ט | ד | ס | ל | ו | ה |
| פ | נ | ס | ט | ל | א | י | ט | נ | י | י | פ | א | ז | ג | ב | פ | ד | ו | א | ת | כ | צ |
| ל | נ | נ | ס | ר | מ | נ | כ | א | ס | ט | ש | מ | ס | מ | ד | כ | ש | ת | נ | ס | פ | ג |
| פ | ב | נ | ש | ט | ש | ק | ק | ג | ט | ר | נ | מ | כ | ש | ע | ח | ז | פ | ח | י | ע | ב |
| ט | ח | ח | ע | ז | נ | ו | ח | צ | ג | ר | ס | ל | נ | נ | צ | נ | ל | ל | ע | ב | נ | ת |







**העלף נחמן נתן עסן די סעודות שבת קודש מיט דרך ארץ**




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מו.** מִי שֶׁאֵין לוֹ גַּאֲוָה נִצּוֹל מִשֶּׁקֶר.

**טייטש.** וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס, וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן לִיגְנְט.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 6 | | |
| | 5 | 3 | | | |
| 2 | | | 3 | | 4 |
| | | | | | |
| | 2 | 1 | | | |
| | 4 | | | | 3 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 4 | | | | | | 8 | |
| 8 | | | 2 | 5 | 4 | | | 1 |
| | | 5 | 7 | 8 | 1 | 2 | | |
| | 6 | | 4 | | 2 | | 3 | |
| | | 7 | 8 | 3 | 9 | 1 | | |
| | 9 | | 5 | | 6 | | 7 | |
| | | 6 | 3 | 9 | 7 | 4 | | |
| 7 | | | 1 | 4 | 5 | | | 2 |
| | 1 | | | | | | 5 | |



# חידות אפטיילונג

**מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן: ווען מען רעדט צום אייבערשטן, זאל מען דער עיקר בעטן**

**א. אויף גוטע מידות**

**ב. אויף שמחה**

**ג. צו זיין א צדיק**

**ד. צו פאלגן צדיקים**

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** **דער הייליגער רבי האט געזאגט: פון וועם איך נעם..........**

**ענטפער:** געב איך

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**אשר טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת וירא?

## פון אויבן אראפ.

2. ווער עס איז _____, זעט הצלחה אין יעדע זאך
3. מאך זיך א _____ אין משניות
4. שוין צייט צו פאלגן דעם רבי'ן און זיך _____ מיט די גוטע זאכן
5. נוץ דיין מויל און צינג אויף רעדן צום אייבערשטן און אויף _____ משניות און גמרא
7. שבת דארף מען זיין פריילוך, און לעבן _____
9. רעדן צום אייבערשטן בארואיגט, עס ברענגט _____ צום באשעפער
10. אויב מען פאלגט א _____ איז גוט, און אז מען האלט זיך קלוגער איז זייער ביטער
12. אז מען איז זיך _____ צום אייבערשטן, קען קיינער גארנישט שלעכטס טון
14. מאכט א גוטע _____ צו זאגן יעדן טאג אביסל תהלים

## פון רעכטס צו לינקס.

1. לערן דעם הייליגן רבינ'ס _____, וועסטו באקומען א קלארן מח
3. וואו דו גייסט און וואו דו _____ זאלסטו רעדן צום אייבערשטן
6. גיי יעדן טאג אביסל זיך מתבודד זיין, אזוי וועסטו ווערן א _____ מענטש
8. ווי מער מען דאנקט דעם _____, ווערט מען נענטער צו אים
11. שטארק זיך צו זיין בשלום מיט _____
13. ווער עס האט א שטארקע _____, קען אים קיינער גארנישט טון
15. דעם רבינ'ס ספרים _____ דעם מח, מען הויבט אן לעבן מיט תכלית
16. אלע וואס גייען אין די וועג פון צדיק האבן א גוט _____
17. יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת, קומט א _____ אין שטוב



### די ענטפערס פון פאריגע וואך






# בילדער
## אפטיילונג


קרעדיט: יצחק הערש האפמאן

נייע ווינדאו שעידס בישיבה קטנה היכל הקודש וויליאמסבורג נתנדב געווארן דורך ר' וואלווי שטערן נ"י


קרעדיט: אהרן פולק

עצתו אמונה פארברענג פון די טברי' חבורה, ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין שטאט יבנאל



קרעדיט: ישראל שלום זעלקאוויטש

מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו מתושבי קרית ברסלב, ביים כשר פעסט עקספאו אין ניו זשערסי



מען גייט הפצה אין מאנטריאל קאנאדא


קרעדיט: מאטי היימליך


קרעדיט: מאטי היימליך

די לאונטש (קיאסק) אין שטעטל הערליך אהערגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן







דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר - ה׳ וירא







באזוכט ביים נייעם בנין התלמוד תורה




אין א שפאציר מיט די קינדער




ביים שמועסן מיט די אינגעלייט ביי די פלאץ ווי עס וועט ווערן אהערגעשטעלט די באזאר אין שטעטל




ביים נייעם הערליכן לאונטש (קיאסק)




ביי די נייע הייזער אין שטעטל וואס מען בויעט יעצט




קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה באזוכט אין כולל היכל הקודש אין שטעטל



קרעדיט: אייזיק ראטה

ביים קלאפן מזוזה אין שטוב פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א אין שטעטל



קרעדיט: שלמה גוטוויין

די דף גמרא שיעור אין היכל הקודש ירושלים, פארגעלערנט דורך מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו




קרעדיט: שלמה גוטוויין

פלאקאטן אין פארנט פון היכל הקודש ירושלים צו העלפן מיט די הוצאות הבית המדרש



קרעדיט: ברוך מרדכי פעקעטע



קרעדיט: ברוך מרדכי פעקעטע

אפשערן פון הילד בן מו"ה ברוך מרדכי פעקעטע הי"ו אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל



קרעדיט: שלום אלי' אינדיג

אבות ובנים אין היכל הקודש סטעטן איילענד מוצאי שבת וירא



קרעדיט: אייזיק ראטה

דער ראש ישיבה איז זיך משתתף ביים חתונה פון בת מו"ה יואל פעדער הי"ו




מעריב מוצאי שבת וירא אין בית המדרש פעולת הצדיק
ביי די רעדקליף גאס




אבות ובנים אין בית המדרש פעולת הצדיק - מוצאי שבת
וירא







סיום תלמוד ירושלמי אין היכל הקודש בארא פארק
בהשתתפות הרב רבי יצחק לעזער שליט״א - א׳ חיי שרה







גרויסע חלוקה דורך די בית התבשיל פארגעקומען אין
שטעטל - פרשת וירא







די ספרים געשעפט אין שטעטל ווערט מער און מער
אהערגעשטעלט מיט אלע געברויכן וואס פעלט אויס

# בילדער ארכיוון

**סעודות ראש חודש כסליו אין ישיבה, בהשתתפות מוהרא"ש זי"ע שנת תשע"ד**









Ready whenever you are.
Managing your summer home from a distance can be difficult. It can be stressful having to constantly worry about your property, especially when you want to enjoy a weekend at your second home during the long cold winter and be there at a moment's notice.
With years of varied experience under our belt, KB Group has created a maintenance checklist. We can guarantee the highest quality of service to ensure that you will always come home to the vacation house of your dreams.
Our team will keep a close eye on your property while you are away, ensuring everything is in place and ready for your return.
ALL-SEASON PROPERTY SERVICES
Lawn care
Debris cleanup
Leaf removal
Tree services
Snow Plowing
Pressure/power wash
Indoor maintenance
CALL TODAY 845.637.5367
WhatsApp 718.306.2448
shlomie@kbmanagementny.com
KB GROUP
property management and construction team